


חודש שבט • שנת תשע"ב לפ"ק

# אויפ'ן וועג צוריק, פרייליך?

## ערנירונגען צום "יובל השישים" פון מוסדותינו הק' אין בני ברק

אין א גוטע שעה און א מזל'דיגע לאזט זיך ר' משה ארויס אויפ'ן וועג צוריק. ער פארט נישט אליינס. זיין קליינער ישראל'יקל זיצט אויפ'ן זעלבן וואגן, און מ'פארט שוין ב"ה אהיים אין א אויפגעהייטערטע שטימונג.

דער וועג אהיים איז שוין פיל לייכטער ווי דער וועג אהין. אהין איז ר' משה געפארן מיט זיין ישראל'יקל צוליב נישט קיין גוטע סיבות. ישראל'יקל האט זיך נישט גוט געשפירט. ער איז געווען אפגעשוואכט, און דער טאטע איז געפארן מיט אים זיך היילן ביי א גרויסן דאקטאר. ס'רוב פונעם וועג איז ישראל'יקל געשלאפן, און דאס ביסל וואס ער איז געווען וואך, איז פאריבער מיט'ן זיך אפרעדן אויף קאפ-ווייטאג, בויך-בויך קרעמפן, וכדומה.

אז מ'האלט שוין אויפ'ן וועג צוריק, ווען ישראל'יקל איז שוין ב"ה געזונט, נוצט דער טאטע ר' משה אויס די געלעגנהייט, און צייגט פונקטליך אן פאר זיין ישראל'יקל, ווי אזוי דער וועג אהין איז פארריבער. וואו נאר מען דורכגעפארן, דערציילט ר' משה פאר ישראל'יקן "דא ביזטו געשלאפן" "דא האט דיר דער קאפ וויי געטון" א. א. וו. אויפ'ן גאנצן וועג ביז מען קומט אן אהיים, וואס ישראל'יקל הערט צו מיט א זעלטענעם אינטרעסע.

אט דאס איז דער באקאנטער משל מיט וואס רש"י הק' באנוצט זיך אנהייב פרשת מסעי, ביים פארשטיין געבן דעם ציל פון אויסרעכענען די מ"ב מסעות וואס אידן זענען דורך אין מדבר, און טאקע דער גאר-שטארק צוגעפאסטער משל, איז געקומען אויפ'ן געדאנק ביים איצטיגן מאמענט, ווען אנ"ש אין ארה"ק בכלל, ובפרט אנ"ש אין בני ברק, גרייטן זיך בהמון חוגג צום גרויסן מאמענט, דער "יובל השישים" אפצוצייכענען גאנצע זעכציג יאר זינט מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט בשנת תשי"ב מייסד געווען די הייליגע מוסדות יטב לב אין בני ברק.

דער מעמד יובל השישים וועט אי"ה אפגעראכטן ווערן אין בני ברק זעלבסט, צוזאמען מיט'ן גרויסן גאסט מרן רבינו הגה"ק שליט"א וואס נעמט אונטער די גרויסע נסיעה אך ורק מיט'ן ציל מחזק צו זיין אנ"ש תושבי ארה"ק, און וועט דערביי באשיינען דעם מעמד אדיר ונשגב.

אבער אפגעזען ווען דער מעמד זעלבסט וועט אפגעראכטן ווערן. די מחשבות און ערנירונגען צום מעמד מעג און קען שוין זיכער איצט געמאכט ווערן, און לאמיר אויסנוצן די שפאלטענס פון היינטיגן בקודש אויסגאבע, צוזאמען איבערצוגיין דעם וועג צוריק, דעם "כאן חששת את ראשך" וכו' ביז צום היינטיגן טאג.

*

עס איז תשי"ב, בלויז וויניגער ווי זיבן יאר נאכדעם וואס אונזער הייליגער רבי רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע איז צום ערשטן מאל אנגעקומען קיין ארה"ק נאכ'ן גרויסן און ביטערן חורבן פון די צווייטע וועלט קריג. אין די קנאפע זיבן יאר האט דער רבי זי"ע שוין באוויזן זיך אנצוזאמלען פאנטאסטישע חובות פון די הייליגע מוסדות "יטב לב" וואס ער האט מייסד געווען אין ירושלים עיה"ק און אין צענדליגער ישובים און שטעטלעך איבער די לענג און ברייט פון גאנץ ארה"ק.

דער רבי זי"ע קומט אן אויף א פרישן באזוך, און הערט אז אין בני ברק וואוינען א קבוצה סאטמארער אינגעלייט, אבער אין די גאנצע שטאט עקזעסטירט דערווייל נישט קיין איין תלמוד תורה וואו מ'לערנט בלויז אויף די אידישע שפראך אן קיין תערובות זרים. דאס הייליג הארץ פונעם רבי'ן זי"ע האלט דאס נישט אויס, און גלייך ווערט באשלאסן א לעיזונג, נעמליך אריינצושפרינגען אין א פרישן אונטערנעמונג, מייסד צו זיין א סאטמארער תלמוד תורה אין בני ברק.

די ביז דעמאלסדיגע חובות וואס דער רבי זי"ע האט געטראגן אויף זיינע פלייצעס פון מוסדות יטב לב, און דער גרויסער עול פון אזויפיל מוסדות אומעטום איז נאך גארנישט קלענער געווארן פון פריער, פארט אבער האט דער הייליגער צדיק זיך אונטערגעגארטעלט מיט מסירת נפש, כדי אראפצושטעלן א יסוד הקדושה אין בני ברק.




דער רבי זי"ע איז אבער נישט צופרידן. א תלמוד תורה איז טאקע דא, ס'איז אבער א פלג-גופא... די היימישע תלמידות מוזן ליידער נתחך ווערן אין די אלגעמיינע מיידל שולעס אין די שטאט, קיין איינס נישט אויף דעם דרך הסלולה אויף וואס דער רבי שטרעבט אזוי שטארק. דער רבי האט נישט קיין מנוחה דערפון אויף אזוי ווייט, אז ער אייסערט זיך א טאג פאר יום כיפור שנת תשט"ז "אויב האב איך נישט קיין מיידל שולע אין בני ברק, האב איך נישט מיט וואס צוצוגיין צום הייליגן טאג!" מורא'דיגע דיבורים וואס מ'האט קיינמאל פריער אדער שפעטער נישט געהערט מפיו קדשו.

נאך באותו היום, ערב כיפור איז געקומען צום רבי'נס שטוב די בשורה מרנינה, אז די מיידל שולע איז נתייסד געווארן אין בני ברק, ותחי רוח הצדיק.

עס לאזט זיך נישט זאגן און דערציילן די אויסטערלישע השפעה וואס די פרישע סאטמארער מוסדות האבן געהאט אויף די גאנצע שטאט, אויך אויף אזעלכע וואס זענען געווען ווייט ווייט פון די סאטמארער השקפה. יא, דער רבי זי"ע האט ערררייכט זיין ציל. אין עיר התורה בני ברק, האט מען ביסלעכווייז אנגעהויבן הערן די ארגינעלע אידישע שפראך, נישט ווי ביז-דאן די טריפה'נע העברעאישע; מ'האט דארט אנגעהויבן מחנך זיין קינדער על טהרת הקודש, און סאטמאר, ליבערשט געזאגט, די שיטה הק' האט זיך אויפגעבויט א פעסטע באזע אין צענטער פון בני ברק.

פארשידענע מאורעות זענען די הייליגע מוסדות דורך, צווישן זיי שווערע, און אנדערע נאך שווערער וואס האט פארטונקעלט דעם הערליכן שיין וואס איז ארויסגעקומען פון די הייליגע מוסדות, אזש, בשנת תש"כ, נאך אכט יאר פון ווען די מוסדות הק' זענען ארגינעל נתייסד געווארן, דרוקט זיך דער רבי זי"ע אויס אין א מכתב קודש "כי אחר כל הטרחות והיגיעות שהי' לי בהעמדת מוסדותינו בבני ברק וקרית יואל ואגפי', להעמיד יסוד חזק לתורה ולתעודה לדור דורות, חסתי על עמלי שלא יהיה ח"ו יגיעי לריק, דוה לבי בקרבי וכו'. (נאך די אלע באמיאונגען און פלאג וואס איך האב געהאט ביים אראפשטעלן אונזערע מוסדות אין בני ברק, צוזאמען מיט די שטאט קרית יואל און אירע פליגלען, אראפצושטעלן דעמיט א פעסטן יסוד פאר די תורה אויף די קומענדיגע דורות, שוין איך אויף מיין פלאג אז מיין גאנצע הארעוואניע זאל ח"ו נישט זיין אומזיסט. דאס הארץ טוט מיר וויי אויף דעם וכו'.)

מיט אויסטערלישע סייעתא דשמיא האט מען דאס אלעס דורכגעלעבט. די שטיינער זענען געריקט געווארן אין די זייט, די שווארצע וואסערן זענען

(פארזעצונג אויף זייט ה)

Non Profit Org.
U.S. Postage
**PAID**
Mail Way

**Yetev Lev**
Eretz Yisuerl Inc.
POB 2123
Monroe NY 10949

## בטוב ירושלים

נייעס און אנטוויקלונגען פון ונזערע ירושלים'ער מוסדות

### מכינה לישיבה קטנה אנגעשלאסן מיט גאנץ סאטמאר

צוזאמען מיט די הונדערטער בחורי חמד, תלמידים פון די כתות מכינה לישיבה קטנה פון אלע סאטמארער מוסדות אין ניו יארק און ענגלאנד, פון קרית יואל, וויליאמסבורג, בארא פארק און לאנדאן, האבן זיך דאס יאר אויך צוגעשטעלט די טייערע בחורי חמד תלמידים פון די כתה מכינה לישיבה קטנה פון מוסדותינו הק' אין ירושלים עיה"ק, וועלכע וועלן זיין אינגעשלאסן אינעם "איחוד צעירי בחורי חמד דסאטמאר" מיט'ן ציל אויסצונוצן די קומענדיגע וואכן פון די ימי השובבי"ם צו לערנען מיט א כח הרבים וואס מער שעות רצופות בלי הפסק.

ווי אלע יארן ווען אין איינע פון די וואכן אפגעהאלטן ווערן דער "יום האיחוד" ווען אלע ניו יארקער תלמידים וועלן זיך צונויפקומען צוזאמען, און די ירושלים'ער תלמידים וועלן אי"ה מיטהאלטן דעם גרעסערן חלק פונעם טאג דורך א טעלפאנישן פארבינדונג. דער יום האיחוד איז באשטימט אויף קומענדיגן מיטוואך פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט הבעל"ט, און דערביי וועלן די תלמידים האבן די זכי' מיטצוהאלטן דעם טאג צוזאמען מיט מרן רבינו הגה"ק שליט"א, ובפרט דעם עריכת שולחן הטהור בפירות לכבוד היום. אלע תלמידים פון ירושלים וואס וועלן אין די ימי השובבי"ם הבעל"ט לערנען דעם מספר פון 91 שעות רצופות כמנין איל"ן, וועלן האבן די זכי' אז מ'וועט אויסרופן זייער נאמען על שולחן מלכים פון רבי'ן שליט"א, און מ'וועט זיי מזכיר זיין מיט א קוויטל אינעם אוהל הק' פון רבוה"ק זי"ע.

די תלמידים האבן זיך צוגעכאפט דערצו מיט א געוואלדיגן ברען, און עס הערט זיך ב"ה א קול תורה אדיר אויף וועלכן עס דערקענט זיך ב"ה אז עס איז שובבי"ם אויף די וועלט.

### חנוכה קאמפיין מיט הצלחה

לרגל ימי החנוכה העעל"ט איז צווישן אנ"ש אין ירושלים עיה"ק דורכגעפירט געווארן דער ספעציעלער "חנוכה קאמפיין" ביי וועלכן דער ציבור איז גערופן געווארן זיך אנצושליסן מיט'ן מינימאלן סכום פון 44 שקלים, כמנין מ"ד נרות וואס מ'צינד במשך ימי החנוכה. דער ציבור אנ"ש האט אויסגענוצט דעם ספעציעלן זמן פון ימי החנוכה צו שטיצן די צדקה פון רבי מאיר בעל הנס, כמבואר בספרי קודש, און מ'האט זיך באשטייערט מיט'ן דערמאנטן אדער גאר גרעסערע סכומים. ומתן שכרה בצידה האבן אלע משתתפים זוכה געווען צו ערהאלטן א "מטבעת קודש" וואס איז געבענטשט געווארן דורך מרן רבינו הגה"ק שליט"א ספעציעל צו דעם קאמפיין.

## ובחצרי יסעדך

נייעס און אנטוויקלונגען פון אונזערע בני ברק'ער מוסדות

### הכנה דרבה צום גרויסארטיגן באזוך

אין א געוועגליכן יאר איז עס אלס די ימי השובבי"ם, און היי-יאר איז נאך צוגעקומען דער פאקט, אז אין די לעצטע וואך פון די ימי השובבי"ם, קומענדיגן פרשת משפטים וועלן אנ"ש אין ארה"ק האבן די זכי' מקבל פנים צו זיין פני מרן רבינו הגה"ק שליט"א, און לכבוד דעם געהויבענעם באזוך מאכן די תלמידים פון אלע אפטיילונגען אין די מוסדות, דעם הכנה דרבה, צו לערנען "שעות רצופות" בלי הרף, אריינצוכאפן אין די ימי השובבי"ם און דאן מקבל פנים צו זיין דעם רבי'ן שליט"א מיט וואס מער שעות רצופות.

### וביום השבת קודש שישו ושמחו

אויפ'ן אייגנארטיגן פארנעם איז געפראוועט געווארן דער יום טוב פון כ"א כסלו דורך די תלמידי מוסדותינו הק' אין בני ברק, ווען די תלמידים פון די תלמוד תורה זענען - ווי אלע יארן - זיך צונויפגעקומען פארגאנגענעם שבת פרשת וישב, וואו מ'האט עקסטער געדאווענט צוזאמען אונטערן אויפזוכט פון די חשוב'ע מלמדים ומרביצי תורה שליט"א. כדי נישט אויפצוהאלטן די עלטערן, איז מען זיך צונויפגעקומען גלייך ביים זמן כניסת השבת, און נאך תפלת המחנה דורך הר"ר יואל וויינבערגער שליט"א, האט מען געהערט די פייערדיגע דרשה פון הרה"ג רבי יושע הערש יאזשעף שליט"א מו"ץ ומרבני כולל עצי חיים איבער דעם באדייט פונעם טאג. הר"ר יושע הערש שליט"א האט דערנאך פארגעדאווענט קבלת שבת, און פאר כגוונא, אין די צייט ווען עס איז בכמה ק"ק איינגעפירט צו זינגן "בר יוחאי" האָבן די תלמידים זיך אַרויסגעלאָזט אין א פייערדיגן ריקוד אויף "בך בטחו" "חסדי ה'" און נאָך.

זונטאָג נאָך כ"א כסלו האָבן די תלמידים געהערט די הערליכע דרשה פונעם חשוב'ן מלמד מומחה הר"ר הערשל גראָס שליט"א בן הרבני החסיד המפורסם ר' משה גראָס ז"ל ביי וועמען מרן רביה"ק זי"ע האָט געהאַט זיין אכסניא ווילענדיג אין שווייץ גלייך נאָכ'ן קריג, און ער האָט איבערגעגעבן פאַר די קינדער גאָר אינטערעסאנטע זכרונות פון יענע צייטן.

### קיין צייטונגען אין ישיבה גדולה

האַלטענדיג אינמיטן די פייערדיגע ריקודין אין היכל הישיבה גדולה, לכבוד היום כ"א כסלו, איז דער מוזיק פאַרשטילט געוואָרן, און דער מנה"ר הרה"ג רבי מרדכי יאזשעף שליט"א האָט גענומען דאָס וואָרט. ער האָט בקוצר אמרים ובדברים קולעים אל השערה, אַרויסגעברענגט פאַר די תלמידים דאָס שעדליכקייט פון ליינען צייטונגען בכלל, ובפרט די ארץ ישראל'דיגע צייטונגען וועלכע זענען דורכגעפוילט מיט כפירה ומינות, ווייט אַוועק פון די ריינע השקפה וואָס מיר האָבן מקבל געווען פון רבוה"ק. אפילו די א. ג. חרד'ישע צייטונגען, וואָס ווערן פאַרטיילט בחנם ביי אַלע הייזער, אַנטהאַלטן אין זיך גאָר א שעדליכע השפעה, און דער מנה"ר שליט"א האָט געבעטן אַז די בחורים זאָלן זיך מקבל זיין אין דעם גרויסן טאָג, זיך גענצליך מתנזר זיין פון ליינען צייטונגען. עס איז געווען א מחזה הוד מיטצוהאַלטן ווי נאָנט צו הונדערט תלמידי הישיבה האָבן אויפ'ן פלאַץ אונטערגעשריבן דעם כתב התחייבות, בכלל נישט צו נעמען קיין צייטונג אין די הענט אַריין.

### קבלות טובות אויף צניעות אין מיידל שולע

ביים ציבור אנ"ש אין ארה"ק קלונגט נאָך אין די אויערן די פייערדיגע דברות קודש וואָס מרן רבינו הגה"ק שליט"א האָט משמיע געווען אין אתרא קדישא מירון, ביים פריערדיגן באַזוך אין ארה"ק, ביי וועלכן דער רבי שליט"א האָט ספעציעל אויפגעפאָדערט בדברים חוצבים להבות אש איבער דעם חיוב פון צניעות ביי נשים מיט וואָס יעדער דאַרף זיך פירן. אַצינד ביים זיך גרייטן צו א פרישן באַזוך פון רבי'ן שליט"א קומענדיגן חודש שבט הבעל"ט, האָבן די תלמידות פון די מיידל שולע זיך אונטערגענומען מוסיף צו זיין מיט'ן צניעות ביי די מלבושים. אַלע תלמידות האָבן באַקומען א ספעציעלן לוח, אין וועלכן מ'צייכענט יעדן טאָג אַריין מיט וואָס פונקטליך מ'האָט זיך יעדן טאָג פאַרבעסערט. גלייכצייטיג איז אטעבלירט געוואָרן א ספעציעלער טעלפאָן סיסטעם, אויף וועלכן די תלמידות קענען הערן רייכע דרשות פון חשוב'ע בעלי דרשניות תליט"א איבער דאָס גרויסקייט פון צניעות, וואָס לאָזט איבער אויף זיי א שטאַרקן רושם.

## עמוד התווך

פעולות און אקטיוויטעטן אין אויסלאנד למען קיום המוסדות

### הצלחה'דיגער "חינוך הטהור" אַקציע אין באָראָ פאַרק

ווידעראַמאָל האָבן אנ"ש אין באָראָ פאַרק אַרויסגעצייגט א זעלטן וואַרימען געפיל לטובת מוסדותינו הק' יטב לב בארה"ק, ביים גרויסאַרטיגן "חינוך הטהור אַקציע" וואָס איז מיט גרויס הצלחה ורכגעפירט געוואָרן במשך די פאַרלאָפענע וואָכן העעל"ט. אנ"ש אין באָראָ פאַרק זענען גאָר וואַרעם פאַר מוסדות יטב לב, ובפרט זינט פאַרגאַנגענעם יאָר, ווען עס איז בפקודת הקודש פון רבי'ן שליט"א אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער "עצרת חירום" אין ביהמ"ד הגדול, מיט'ן ציל אָפּצוראַטעווען די מוסדות פון פינאַנציעלער צוזאמענבראָך ר"ל, ביי וועלכן מ'האָט געהערט די גאָר וואַרימע דברות קודש פון רבי'ן שליט"א איבערן פליכט וואָס עס ליגט אויף יעדן איינעם מאנ"ש צו שטיצן די ארץ ישראל'דיגע מוסדות, נאָכפאָלגענדיג די דרשות חשובות פונעם מנכ"ל הרה"ח ר' מאיר פערל הי"ו און פונעם גאַסט הרה"ח הרב יקותיאל יצחק בראַך שליט"א מנה"ר.

במשך השנה העעל"ט האָט זיך טאַקע פילפאַכיג פאַרברייטערט די שטיצע פון אנ"ש אין ב"פ לטובת מוסדות יטב לב, און אין בעפאָרגרייטונג צו די אַקציע האָט דער ציבור גאָר וואַרעם עמפאנגען די עסקנים, ובראשם דער געטרייער איש המעש הרה"ח הרב יקותיאל יצחק בראַך שליט"א מנה"ר, וועלכער איז ספעציעל געקומען צו פאָרן לרגל המגבית.

שוין אינעם שבת פאַר די אַקציע, שב"ק פרשת ויחי, האָט אין די לופטן זיך געשפירט דער וואַרימער גייסט אין ביהמ"ד הגדול, ווען פאַר קבלת שבת זענען ערשינען אויפ'ן ארון הקודש הרבני הנגיד המפואר ר' אהרן הערש מיטעלמאן הי"ו תומך ועסקן נמרץ לטובת המוסדות, צוזאַמען מיט'ן גבאי קודש הרה"ח ר' משה חיים הכהן קאָהן הי"ו, און מ'האָט געהערט די פייערדיגע דרשה פון הרה"ג רבי ישראל שלמה ליכטענשטיין שליט"א מו"ץ וראה"כ יסודי התורה.

דורכאויס די וואָך פון פרשת שמות איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די אַקציע אין בית מדרשינו הגדול אויף די 53סטע סט. און אין די קומענדיגע וואָך אין די אַנדערע בתי מדרשים, ביי וועלכן פילע הונדערטער אנ"ש האָבן געשפירט פאַר א זכי' זיך אָנצושליסן אינעם באַרימטן מפעל החזקת מלמד.

### מאָנטרעאַל גרייט זיך צום מגבית חינוך הטהור

אנ"ש תושבי מאָנטרעאַל גרייטן זיך אויף צו נעמען די געטרייע שלוחים די חברי הנהלה פון ניו יארק, וועלכער וועלן אויף קומענדיגן שב"ק פרשת בא ספעציעל קומען צו פאָרן קיין קאַנאַדאַ, לרגל דעם גרויסאַרטיגן מגבית "חינוך הטהור" וואָס איז באַשטימט אויף די נאָכפאָלגענדע טעג להחזקת מוסדותינו הק'.

אין מאָנטרעאַל האָט מוסדות יטב לב בארה"ק ב"ה א גאָר שטאַרקע באַזע פון שטיצע, וואָס איז צו פאַרדאַנקן די געטרייע איבערמידליכע אַרבעט פונעם עסקן נמרץ האברך החשוב ר' קלמן אליעזר לעווי הי"ו וועלכער פירט אָן דעם אָרטיגן יטב לב אָפיס מיט גרויס געניטשאַפט און געטריישאַפט, און שטייט צו לימינם פון די אָרטיגע עסקנים אין שפיץ פון הרה"ח ר' אברהם מאיר ווערצבערגער הי"ו מנהל מוסדות יטב לב בארה"ק אין מאָנטרעאַל.

אין בעפאָרגרייטונג צום גרויסן חינוך הטהור אַקציע וואָס איז באַשטימט אויף קומענדיגן פרשת בשלח, וועלן די חברי הנהלה ווייַלן אין מאָנטרעאַל, און אנווארעמען דעם היימשען ציבור אנ"ש לטובת די הייליגע מסודות.

פרטים יבואו אי"ה

### ב"פ באַגריסט נייעם "החזקת מלמד עסקן"

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן "חינוך הטהור אַקציע" אין באָראָ פאַרק, איז צום קייט פון גבאי קודש לטובת מוסדותינו הק' צוגעקומען אין די טעג א פרישער רינגעלע, ווען עס איז אויפגענומען געוואָרן אין באָראָ פאַרק דער נייער גבאי, האברך החשוב, עסקן נמרץ מוה"ר יואל ב"ר יוסף לייב הכהן סאנדער הי"ו אַרויסצוהעלפן מיט די פאַרצווייגטע פעולות לטובת מוסדותינו הק'. ר' יואל הי"ו וועט זיך בעיקר אָפּגעבן מיט'ן היינט-באַרימטער מפעל "החזקת מלמד" און וועט באַזוכן בבתי אנ"ש תושבי העיר, פאָרצושטעלן די געוואַלדיגע זכותים וואָס עס איז צו זיין אָנגעשלאָסן אין דעם מפעל וואס די בענעפיטן דערפון זענען אין לשער. דער נייער גבאי ר' יואל הי"ו וועט אי"ה אַרבעטן האַנט-ביי-האַנט מיט'ן ביז-איצטיגן גבאי'ן מוה"ר משה חיים הכהן קאָהן הי"ו וועמענס פעולות לטובת מוסדותינו הק' זענען ב"ה שטאַרק מצליח, וטובים השנים מן האחד בלייבט נאָר צו וואונטשן אַז ביידע גבאי קודש זאָלן שטאַרק מצליח זיין במשמרתם משמרת הקודש.

### הנהלת המוסדות שטעלט איין דירעקטע "הזכרה ליין" גלייך קיין ארץ ישראל

ווי באקאנט האבן די הנהלת מוסדות יטב לב שוין איינגעפירט א לאנגע צייט, אז די אלע תומכי המוסדות וועלכע קויפן זיך איין דעם זכות פון "החזקת מלמד", קענען א גאנץ יאר אריינרופן ביי סיי וועלכע געלעגנהייט איידער מען פראוועט א שמחה אדער ח"ו בעת צרה ל"ע זיך מזכיר צו זיין לברכה וישועה, און די קינדער פון מוסדות יטב לב זענען מתפלל פאר'ן חשוב'ן נדבן שיחיו.

ביז היינט איז געווען איינגעשטעלט דער סיסטעם אז דער נדבן האט אריינגערופן צום "יטב לב אפיס" דאהי אין ניו יארק, אדער האט ער זיך פארבינדען מיט איינעם פון די עסקנים, און האט איבערגעגעבן זיין בקשה, און די בקשות זענען טעגליך אריבערגעשיקט געווארן קיין ארץ ישראל.

אין לויף פון די צייט האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס זענען פאראן אומצאליגע פעלער ווען אידן זענען ליידער אנגעוויזן אויף גאר גרויסע רחמי שמים און האלטן זיך צוריק פון אריינצורופן אין אפיס ווייל זיי ווילן נישט אז מען זאל זיך דערוויסן פון זייער צרה ל"ע, און טראצדעם וואס די אלע אינפארמאציע פון בקשות וואס אידן האבן אריינגערופן זענען געהאלטן געווארן אין שטרענגסטן געהיים, דאך האט די הנהלה געפילט פאר וויכטיג אז מען זאל זיך קענען מזכיר זיין גלייך קיין ארץ ישראל וואו קיינער קען זיי נישט, און די תלמידי המוסדות וועלן מתפלל זיין פאר זיי.

דעריבער איז אצינד איינגעשטעלט געווארן דער סיסטעם אז ווען מען רופט אריין צום טעלעפאון סיסטעם פון דעם יטב לב אפיס, קען מען זיך גלייך פארבינדן קיין ארץ ישראל איבערצוגעבן די הזכרה, די הנהלה האט ספעציעל אויפגענומען פאר דעם צוועק א חשוב'ן עסקן אין די מוסדות, וועלכער וועט זיך אפגעבן מיט די הזכרות פון די נדבנים און וועט טעגליך מזכיר זיין די נעמען אין די תלמוד תורה פאר די תינוקות של בית רבן שאין בהם חטא.

היות דער זייגער פון ארץ ישראל און אמעריקע איז געריקט מיט עטליכע שעה, דעריבער אויב הייבט מען נישט אויף דעם טעלעפאון אין ארץ ישראל קען מען לאזן א מעסעדזש מיט די נאמען און בקשה, אויב עס פעלט זיך אויס קען מען אויך איבערלאזן א טעלעפאון נומער און אונזער עסקן וועט בעז"ה צוריקרופן אין די ערשטע מעגליכקייט.

זעלבסט פארשטענדליך אז דאס אלעס איז נאר אין צוגאב צו דעם געוואלדיגן כח וואס די תלמידי המוסדות זענען מתפלל פאר די חשוב'ע תומכים און לערנען לזכותם אין די פולע וואך וואס דער נדבן האט אויסגעוועלט ביים זיך איינהאנדלען דעם געוואלדיגן זכות פון "החזקת מלמד" אין אונזערע הייליגע מוסדות.




# המשך פון די דין תורה

מיר האָבן געהאַלט אין מיט'ן רעדן פון די דין תורה ביים חתם סופר צווישן דער משולח פון דעם חסידישן כולל, רבי יוסף חיטין, און דעם שד"ר פון דעם ליטווישן כולל, ר' צבי הירש, וואס דער ישמח משה האָט נישט געוואָלט פסק'ען און עס געשיקט פאַר'ן חתם סופר ער זאָל זיין דער פוסק.

אין אַ בריוו וואָס דער ישמח משה האָט געשריבן צום הייליגן חתם סופר, דערציילט ער די גאַנצע מעשה, מיר האַלטן אין מיט'ן בריוו:

דאָ קומט דער ישמח משה צו צום ענין פון מעות ארץ ישראל: "יעצט איז אָנגעקומען צו אונזער גבול דער שד"ר מוכ"ז [מוציא כתב זה] וואָס קומט פון מערבא, פונעם כולל וואָס ווערט אָנגערופן חסידים הי"ו, ה"ה הרב וכו' מה' יוסף חיטין, און ער האָט טענות אויפ'ן שד"ר פון כולל פרושים מהו' צבי הירש הי"ו, וואָס האָט זיך מקדים געווען אויסצוכאַפּן און נעמען די ממון הקודש.

דאָ לייגט דער ישמח משה צו: כאָטש ביי מיר הפעוט זענען אַלע פנימ'ער איינס, די חסידים אָדער די פרושים, אַלע אידן זענען חברים, און כ'ווייס נישט פאַרוואָס די אָפּגעטיילטע נעמען זענען באַשטימט געוואָרן.

זאָל מיר הדר כבוד גאונו גלייבן, אַז פון מקום התחלת ארץ הגר איז שוין פון די פריערדיגע יאָרן געגעבן געוואָרן פאַר די צדיקים אין פוילן, פאַר הצדיק ר' מענדל מרימינוב זצ"ל, נאָך אים דער ראָפּשיצער רב זצוק"ל, הרב הצדיק המפורסם ממעזיבוז זצוק"ל, דער קאלובער רב זצ"ל, דער צדיק המפורסם ר' יוסף מיאַפּמלאָ בן הצדיק הקדוש ר' יחיאל מזלאָטשוב זצוק"ל, און נאָכדעם וואָס איך בין געקומען אהער פון לאַנד פוילן, שוין בערך 25 יאר צוריק, האָט מיר הרב הצדיק מקאָלוב זצ"ל געשריבן אַז איך זאָל אויך צוליגן אַ האַנט מחזק צו זיין די דאָזיגע צדקה, און אַזוי האָב איך געטאָן בעזה"י.

יעצט שרייט דער שליח אַז ער וויל זיך מתדיין זיין און תובע זיין צו דין תורה הקדושה דעם שליח פון די פרושים פאַר מיר, האָב איך אים געענטפערט אַז צו זיין אַ דיין און פסק'ען עפ"י ד"ת הק' וויל איך בשום אופן, ווייל אין די אויגן פונעם המון הייס איך א נוגע בדבר, זיי זאָגן אַז איך בין פון די כת חסידים, דעריבער וועל איך נישט דן זיין אין דער זאַך. נאָר איר זאָלט גיין צו הרב הגאון פון פרעשבורג נ"י לנצח, וואָס ער איז שווה פאַר ביידע צדדים, און ווי ער וועט זאָגן אַזוי וועט זיין, "כפי אשר יצא מפיו הקדוש כן יקום".

איך בין מסכים צום דעת הגאון דפרעשבורג נ"י אז די דאזיגע חלוקי שמות פרושים און חסידים זאָלן בטל ווערן, ס'זאָל פאַררעכנט ווערן ווי איין כולל, און ביידע זאלן זיך פירן מיט ליבשאַפט, ברודערליכקייט און פרידן, נישט אז ס'זאל פארשוועכט ווערן דער שם שמים, ווייל באמת איז כל העדה כולם קדושים".

יעצט בלייבט די זאַך תלוי ועומד ביז ביידע וועלן קומען לפני כסא כבודו, און דאָס וואָס כבוד תורתו וועט באַשטימען, אַזוי וועט זיין, אויך איך בין מסכים צו זיינע הייליגע ווערטער.

"ובזה אחוי קידה חמש מאות, ואומר שלום מא"ה כנפשו אוה"נ ידידו לנצח. הק' משה טייטלבוים".

מרן החתם סופר האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. די ביידע שדרי"ם האָבן זיך געשטעלט ביי אים צו דין תורה, און ער האָט געמאַכט אַ פשרה איינצוטיילן די מדינה פאַר צוויי גלילות. אויבערלאַנד, וואו ס'וואוינען די וואָס פירן זיך מיט'ן נוסח אשכנז, זאָל באַלאַנגען צו כולל פרושים. און אונטערלאַנד, וואו ס'וואוינען די וואָס פירן זיך בדרכי חסידות, זאָל באַלאַנגען צום כולל חסידים.

**איז דען פאַרהאַן אַ בעסערע, זיסערע, זאַך ווי דאָס?".**

דער ישמח משה האט מסכים געווען צום פסק דין פון חתם סופר און זיין בית דין, און אויך געשריבן צו די וואָס האָבן אים אָנגעפרעגט, מ'זאָל זיך נאָר פירן לויט דעם פסק. ווי מ'זעט אין די פאָלגענדע תשובה וואָס דער ישמח משה האָט געשריבן צו הגאון רבי זאב וואָלף טענענבוים זצ"ל בעל רחובות הנהר.

"עתה תלי"ת, גלוי ומפורסם ענין הפשר, אשר נעשה בפני הרב הגאון המפורסם האב"ד דק"ק פרעשבורג ובית דינו הצדק וע"פ הסכמתי. ועמדו לפניהם שני השד"ר משני הכוללים משם, וקימו וקבלו הפשר בכל תוקף ועוז, שכ"ו קאָמידאַטער שייכים להכולל החסידים, ומתחילין ממיצר וספר פוילן עד למעלה מפעסט סביב סביב, ובפשיטות שכל הקאַמידאַטער מפה עד פעסט בודאי שייכים להחסידים, ואין להפרושים שום חלק ונחלה בהן אפילו במקצת מקצתן, ויפרו וירבו ישע כל כולל ממקומות הקבועים להם".

עס איז פאַרהאַן עטליכע תשובות פונעם חתם סופר צום ישמח משה. ווי למשל, תשובה סימן קצ"ז משנת תקע"ח. אַ תשובה אין או"ח סימן ט"ז משנת תקצ"ג וואָס האַנדלט בנוגע משנה זיין מנוסח אשכנז לספרד און אויך בנוגע לבישת בגדי צמר בשעת התפילה. ס'איז אינטערסאַנט ווי דער חת"ס דרוקט זיך אויס אָנהויב תשובה אויף אַן ענין וואָס ער האָט מכון געווען לדעתו פון ישמח משה: "היש חיך מתוק מזה". ס'הייסט: איז דען פאַרהאַן אַ בעסערע, זיסערע, זאַך ווי דאָס?".

צום סוף תשובה איז זיך דער חתם סופר שטאַרק מתמרמר אויף דעם פילוג במחנות ישראל חסידים [תלמידי בעש"ט] ופרושים [תלמידי הגאון] און וועגן די דין תורה וועגן די כוללים.



א ווארט פון

# אונזערע רבי'ס

זיקוקין דנורא, קורצע און בליציגע ווערטער פון רבותה"ק

איבער'ן חוב און זכות פון שטיצן מוסדותינו הקדושים

## כל הקדוש ביותר חרוב ביותר

מען זעט פון דעם אז דוקא דארט ווי די קדושה איז דא דארט פארלייגט זיך שטארק דער בעל דבר, און ס'איז ידוע מען דערציילט אויפן שפיטיווקער (הרה"ק רבי יעקב שמשון משפיטיווקא זצ"ל) ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל האט ער זיך אויסגענומען מיטן בעל דבר אז ער פארט קיין ארץ ישראל - און ער וויל דארט עוסק זיין בתורה ובעבודה בקדושה ובטהרה - אז דער בעל דבר זאל אים אפלאזן, און ער האט אים צוגעזאגט, ווען ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל האט ער אים דארט געטראפן תיכף, האט ער אים געפרעגט, האסט דאך מיר צוגעזאגט אז דו קומסט נישט, האט ער אים געזאגט דארט אין חוץ לארץ איז געווען נאר זיין שליח, אבער אין ארץ ישראל איז ער אליין דא.

דער רמב"ן, ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל האט ער געזען, כל הקדוש ביותר חרוב ביותר, פארוואס איז חרוב ביותר, ווייל אויף דעם כל הקדוש ביותר פארלייגט זיך דער בעל דבר דוקא, ממילא איז דאס חרוב ביותר, דער רמב"ן האט נישט געמיינט חרוב ביותר אז ס'איז איינגעפאלן די הייזער, ער האט געזען אז דארט ווי ס'איז דער מקום הקדושה, דארט דרייט זיך ארום דער בעל דבר, און ס'איז חרוב ביותר ברוחניות.

איז אזוי, אונז זעמיר זיך דא צונויפגעקומען וועגן די מוסדות התורה וואס דער פעטער זי"ע האט מייסד געווען אין ארץ ישראל, און מען ווייסט אז אלע זיינע יארן האט ער געהאט גרויס הצלחה צו העלפן פאר אידישע קינדער בגשמיות וברוחניות, ממש ער האט געהאט א ברכה איבעראל ווי ער איז געקומען, ער האט געהאט א ברכה פון זיידן ז"ל דער קדושת יו"ט, און איבעראל ווי ער איז געקומען, ווי ער איז געווען, צו איז עס געווען אין ארשיווע צו אין קראלי, צו ווען ער איז געקומען קיין סאטמאר, אין די שווערסטע איז אים געווען אין ארץ ישראל, ער האט זיך ארומגעמוטשעט אין ארץ ישראל, און ער האט שוואך געקענט דארט אויפטון, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.

בגשמיות איז ער דאך געקומען קיין אמעריקא און ער האט פרובירט דא צו האבן געלט ער זאל קענען אויפטון, ווייל אן קיין געלט קען מען דאך נישט טון, האט ער אויך נישט מצליח געווען, זעט זיך אויס אז אין ארץ ישראל איז זייער שווער צו טון, אבער דאך האט ער א געוואלד אויפגעטון, מען קען זיך נישט פארשטעלן היינט - ווען ס'איז געשען די מצב ס'איז געווארן די מדינה ווי אזוי ס'זעט אויס - ווי וואלט אויסגעזען אין ארץ ישראל ווען דער פעטער וואלט ווען נישט געווען דארט, דער בוכ"ע האט אבער אזוי געפירט אז ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל נאך די מלחמה, און ער האט זיך דארט געמוטשעט אויפצוטון, ביז ער איז געקומען אהער, און ער האט פרובירט פון דא צו טון, און מען האט טאקע געטון.

און דער פעטער ז"ל האט זיך מייגע געווען פון דא, און ער האט אויפגעשטעלט, ער איז געפארן, ער האט געקויפט אין בני ברק ס'זאל קענען זיין, און אין ירושלים ווי מען האט פריער געהערט, היינט איז ב"ה דא א גרויסער קיבוץ אידן אין ארץ ישראל וואס ווייסן און זענען קלאר מיט די גאנצע שיטה וואס דער פעטער האט אהערגעשטעלט, און טוען מיט מסירות נפש, דאהי איז לייכט צו זיין א געגנער פון ציונות, אבער אין ארץ ישראל האט יעדער גרויסע נסיונות פון זיי אליין, מען האט פארשידענע נסיונות אויף יעדן טריט און שריט, טאקע מען זאל זיך מונע זיין פונעם לשון, וואס דאס איז דער מקור הטומאה וואס זיי האבן אריינגעלייגט אין לשון הקודש, און דאס אליין טאקע, איז כל הקדוש ביותר חרוב ביותר, ס'ווערט אנגערופן לשון הקודש ווייל ס'איז געשריבן מיט דעם די תנ"ך, און ס'ווערט געדרוקט דארט יעדן טאג אזויפיל כפירה ומינות אויף לשון הקודש אז מען קען זיך גארנישט משיג זיין ווי אזוי ס'זעט אויס.

ס'איז גרויסע נסיונות דארט אין ארץ ישראל, די נסיונות פון געלט איז איינס פון די שווערסטע נסיונות, מען דארף דאך צו האבן געלט, מען קען נישט אנגיין אן געלט, און מען זעט ס'ווערט נתרבה יעדן טאג (די וואס נעמען נישט קיין געלט), מען האט געמיינט אז ס'וועט גאר נתמעט געווארן און ס'איז פונקט די היפך, אלעס שטאמט פון דעם וואס דער פעטער ז"ל האט אריינגעלייגט אזויפיל כוחות אין ארץ ישראל, ס'זאל קענען זיין.

און אוודאי האט ער אריינגעלייגט גרויסע כוחות דא ביי אונז אויך, און איבעראל, ווי ס'איז געווען ידו מגעת האט ער געטון, און מען זעט איבעראל ווי ס'קומט צו א ברכה, ממש הפלא ופלא, דא דארף מען נישט זאגן, מען זעט ב"ה וואס מען האט זיך נישט פארגעשטעלט, קיעה"ר טויזענטער קינדער יונגלעך און מיידלעך וואס וואקסן אויף יעדע יאר, ס'איז שוין די דריטע דור.

און ארץ ישראל איז דער גולת הכותרת, דארט זעט מען די גרויסקייט פון פעטער ז"ל, כאטש דא זעט מען מער בליעה"ר א ריבוי עם, אבער כל הקדוש ביותר איז דאך חרוב ביותר, און אין ארץ ישראל איז דאך די קדושה שטארק, ממילא פארלייגט זיך דער בעל דבר אין ארץ ישראל מער ווי דא, ממילא איז נישט אזא רבותא די היזיגע מוסדות, אבער אין ארץ ישראל איז א גרויסע רבותא די מוסדות ווי אזוי זיי וואקסן און בליען, איך בין דארט געווען עטליכע מאל, איך האב עס געזען.

און יעצט אין צפת, איך בין געווען אין צפת און איך האב געזען וואס א חורבן דארט איז דא, באמת אזא הייליגע שטאט ווי צפת, וואס איז געווען אזויפיל קדושים און טהורים דארט פון אלע, פון חסידים פון אשכנזים, און ווי אזוי זיי האבן דאס חרוב געמאכט, לא יאומן כי יסופר, מען האט יעצט אנגעהויבן צו מאכן מיט אינגלעך מיט מיידלעך, מען זעט מען איז מצליח ב"ה דארטן, שוין אפגערעדט בני ברק צו ירושלים עיה"ק.

פארדעם איז א גרויס ענין זיי מחזק צו זיין, און ווער ס'טוט דאס איז דער פעטער אוודאי מקבל תענוג אויפן עולם העליון, און ער קוקט צו אז דאס וואס ער האט אויפגעשטעלט האלט זיך, די וואס נעמען א חלק און טוען....

איז א געוואלדיג ענין מען קומט זיך צונויף מחזק צו זיין די מוסדות אין ארץ ישראל, וואסערע טובה מען טוט, אפגערעדט אז פארן רבין איז עס א געוואלדיג ענין, אונז פארשטיי מיר אז ער האט אזא מסירות נפש געהאט, און ס'איז נייח נפשו, אויף זיכער אז ער האט א נחת רוח פון די אלע אידן וואס זענען זיך דא צונויפגעקומען צו געבן געלט פאר דעם, נאר מען טוט אויך א גרויסע טובה פאר די ערליכע אידן וואס האבן געהאט מסירות נפש, און זיי האבן זיי אראפגעפירט, און אז מען קען עפעס פון די אידן מציל זיין, און וואס מען טוט ב"ה אויף, ווייל ווען נישט וואלטן זיי ווען אויך געווען אריינגעפאלן ביי זיי, איז א גרויסע זכות פאר די אלע אידן וואס קומען זיך צונויף.

(רבינו הברך משה זי"ע, יום א' נשא שנת תשמ"ז במסיבה להחזקת מוסדות יטב לב בומסב"ג)



# ראשית ממלכתו

כ"ו

**עפיזאדן, שטריכן, היסטארישע געשעענישן, ארום דעם התייסדות פון מוסדות יטב לב דסאטמאר**

אין קורצן פון פריער: א הייליגע שאיפה האָט מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע געהאַט, צו האָבן אַן אייגן ווינקל בעיר ה' שמה אין ירושלים עיה"ק, און בשנת תרצ"ב ביי זיין ערשטן באַזוך אין ארה"ק שטעלט דער רבי זי"ע דעם אבן היסוד פאַר זיין אייגן ביהמ"ד אוהל רחל. נאָך עטליכע יאָר, טבת תרצ"ה ווערט רצון קדשו אויסגעפירט מן הכח אל הפועל, ווען עס ווערט געעפענט דער ערשטער לאָקאַל פונעם ביהמ"ד אוהל רחל. גאנץ שנעל איז דער ביהמ"ד אויסגעוואַקסן דעם געברויך, און בשנת תרצ"ח האט זיך עס שוין אַריבערגעצויגן צו א נייעם לאָקאַל. פון יענעם נייעם ביהמ"ד ווערט פלאַנירט א באַזוך פון רבי'ן זי"ע אויף די הייליגע טעג שנת ת"ש, וועלכע האָט זיך צום סוף נישט אויסגעאַרבעט.

## א רעטונגס פלאַן

אינצווישן האָט ליידער אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלטס קריג, און ווידער זענען עס געווען די געטרייע חסידים פון רבי'ן זי"ע וועלכע האָבן העפטיג געאַרבעט אַז דער זי"ע זאָל וואָס פריער אָנקומען קיין ארץ ישראל, כדי אַזוי אַרום אויסצומיידן די גרויסע צרות פון די דייטשע רשעים ימ"ש.

ביי די קינדער פון החסיד המופלג ר' צבי פנחס הכהן כ"ץ-מאָשקאָוויטש ז"ל - וועמען מיר האָבן שוין דערמאַנט אין די פריערדיגע אַרטיקלען, אַלס איינער פון די מייסדים פון רבי'נס קהלה אין ביהמ"ד אין ירושלים עיה"ק - געפונט זיך נאָך א בריוו-אויסטויש וואָס ר' הערש פנחס ז"ל האָט זיך געשריבן מיט'ן באַרימטן איש חסיד הרב ר' לייב'לע פאשקעס ז"ל איש סודו פון רבי'ן זי"ע אין די שטאָט סאַטמאַר. אינעם בריוו-אויסטויש שרייבן זיי צווישן זיך איבער די פלענער פון אַרויסראַטעווען דעם רבי'ן זי"ע פון אונגאַרן און אים צו ברענגען קיין ירושלים עיה"ק. ר' לייב'לע שרייבט דאָרט, אַז עס איז זייער וויכטיג אָנצוגרייטן צוויי דירות אין ירושלים, א דריי-רומיגע און א צוויי-רומיגע דירה. די צוויי-רומיגע פאַר'ן רבי'נס איידעם און טאָכטער הגה"צ מסעמיהאַלי זצ"ל, און די דריי-רומיגע פאַר'ן רבי'ן זי"ע און די רביצין ע"ה, וואָס וויבאַלד דער רבי דאַרף דאָך קענען פראַווען דעם ציבור, פעלט זיך אויס א דריטע צימער פאַר'ן רבי'נס דירה.

ווי שוין היינט באַקאַנט, האָט זיך ליידער גאָרנישט אויסגעלאָזט פון די אַלע פלענער. דער רבי זי"ע איז פערזענליך דורכגעגאַנגען את כל התלאה פון די צווייטע וועלטס קריג, ווען דערביי איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון רבי'ן זי"ע מסלתה ומשמנה וואָס ער האָט פאַרמאָגט ביז'ן קריג.

## א לעבעדיגער גרוס

במשך לאַנגע חדשים האָבן דעם רבי'נס חסידים אין ירושלים עיה"ק געהאַט פאַרלוירן דעם קשר, נישט וויסענדיג וואו דער רבי זי"ע געפונט זיך, און וואו אַהין ער איז פאַרוואָגעלט געוואָרן. אינמיטן קריג איז אָבער אָנגעקומען א לעבעדיגער גרוס פון רבי'ן, ווען עס איז אָנגעקומען קיין ירושלים עיה"ק בתו היחידה פון רבי'ן הרבנית הצדיקת רוזא ע"ה, צוזאַמען מיט איר מאַן כ"ק הגה"צ רבי ליפא'לע זצ"ל אבדק"ק סעמיהאַלי. (כידוע האָבן זייביידע מצליח געווען צו שווערצן דעם גרעניץ פון אונגאַרן

עולים חדשים

בשבוע שעבר הגיע לירושלם הרב הג' מוהר"ר ישעי' פיגענבוים שליט"א אבד"ק סאבראנץ (הונגריה) שה' מהרבנים המפורסמים בפעילותם למען אגדת ישראל. בשנות המלחמה עברו עליו תלאות רבות. את אשתו וילדיו רצחו ובנסי נסים נמלט מבין צפרני האויב.

— השבוע הגיע לירושלם האדמו"ר הה"צ ר' חנני' יו"ט ליפא טייטלבוים שליט"א אבד"ק סעמי האלי (הונגריה) בנו של הגה"צ ר' חנוך זצ"ל אדמו"ר מסאסוב — קערעצקי חתן האדמו"ר הגה"צ ר' יואל טייטלבוים מסטמר שליט"א הגיע יחד עם אשתו הרבנית בתו היחידה של האדמו"ר מסטמר.

בתחנת הרכבת בירושלם חכו לו קהל חסידיו וחסידי אבותינו.

מתאכסן בבית ר' יוסף פריינד רח' דוד ילין 28 ירושלם.

**באַריכט אין "קול ישראל" אויסגאַבע איבערן אָנקום פונעם סעמיהאלער רב זצ"ל קיין ארה"ק**

קיין רומעניע, און פון דאָרט זענען זיי אינמיטן קריג אַרויפגעקומען קיין ארץ ישראל. אויך פאַר'ן רבי'ן זי"ע זעלבסט, און פאַר די רביצין ע"ה און הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל איז געווען אָנגעגרייט די זעלבע הצלה פלענער, וואָס דאָס איז געווען די סיבה פונעם אַריבערפירן דעם רבי'ן פון סאַטמאַר קיין קלויזענבורג, וואָס פון דאָרט האָט מען געדאַרפט שווערצן דעם גרעניץ קיין רומעניע. אָבער ליידער איז געווען לא אסתייע מילתא, און מ'האָט דעם רבי'ן איינגעשפאַרט אין תפיסה אין קלויזענבורג, ווי עס איז שוין באַקאַנט די ווייטערדיגע פרטים איבער דעם השתלשלות הענינים.)

די בשורה טובה אַז דעם רבי'נס איידעם און טאָכטער זענען אָנגעקומען קיין ירושלים האָט אַריינגעבלאָזן א שטיקל טל של תחי' ביים ציבור חסידים, און און אין א בחינה פון "ויחד" האָט מען מקבל פניו געווען, פרייענדיג זיך פון איין זייט אַז מ'טרעפט זיך מיט זיי בחיים, אָבער אין די זעלבע צייט איז דער זאָרג געווען גאָר גרויס אויפ'ן גורל פון רבי'ן זי"ע איבער וואָס מ'האָט דאַן נאָך גאָרנישט געוואוסט.

דעם רבי'נס חסידים האָבן מקבל פנים געווען דעם סעמיהאַלער רב זצ"ל ביים באַן שטאַנציאָן, און אין די ערשטע צייטן האָט ער געהאַט זיין אכסניא אין שטוב פון הנגיד המפואר ר' יוסף פריינד ז"ל (איבער וועמען עס איז אונז שוין אויסגעקומען צו שרייבן אין די פריערדיגע אַרטיקלען).

# זכר חסידים לברכה




צווישן די חסידים מובהקים וואס האבן זיך געציילט צווישן די מייסדים פון רבי'נס ביהמ"ד אוהל רחל, איז געווען הרב החסיד איש צדיק רבי ניסן פריעדמאן ז"ל שו"ב, וועלכער איז געווען א געהויבענער חסידישער איד, און זיין אנוועזנהייט אין די גאנץ ערשטע מאמענטן פונעם התייסדות הביהמ"ד האט פיל צוגעגעבן צום געהויבענעם חן וואס דער ביהמ"ד האט געטראגן אין יענע יארן.

הר"ר ניסן ז"ל איז געווען א ברודער פון החסיד המופלג והמפורסם רבי שלמה אהרן פריעדמאן ז"ל מחבר פונעם בארימטן ספר "מראה אש". זיי זענען ביידע געווען זין פון הרב החסיד ר' אברהם פריעדמאן ז"ל וזו' מרת שרה ע"ה פון די שטאט דאברא.

ר' ניסן ז"ל איז געבוירן געווארן בשנת תר"ט, און איז שפעטער געווען א שם דבר פון א חסידישער איד. ער איז געווען א תלמיד פון הגה"ק בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע, און ער איז פיל געפארן זיך מסתופף זיין בצלם פון די צדיקי הדור. ער איז אסאך געפארן קיין צאנז צום הייליגן דברי חיים זי"ע, און ער איז געווען פון א סגל חבורה געהויבענע אידן צדיקים ואנשי מעשה וואס זענען צוזאמען געפארן קיין צאנז און צו אנדערע צדיקים. צווישן זיי איז געווען הרה"ק רבי יעקעלע פראנקפורטער זצ"ל און נאך.

שפעטער נאכ'ן דברי חיים'ס פטירה איז ר' ניסן ז"ל געפארן צו אנדערע צדיקי הדור, און אומעטום איז ער געווען שטארק נערץ ומכובד זייענדיג באקאנט אלס געהויבענער חסידישער איד, א ירא שמים במלא מובן המילה.

ר' ניסן ז"ל האט נאך די חתונה האט ער זיך געלערנט שחיטה, און איז אויסגעשטיגן אלס גאר מפורסמ'דיגער שוחט, זייענדיג באקאנט סיי אלס אומן יד נפלא און סיי אלס ירא שמים מרבים, ירא וחרד לדבר ה'. ס'זענען פארבליבן עטליכע בריוו בכת"י פון הרה"ק רבי נפתלי הירצקא מראצפערט זי"ע וואס ער איז מעיד אויף דאס אויסגעהאלטענקייט פון ר' ניסן'ס שחיטה. אין איינע פון די בריוון שרייבט ער אויף אים: ה"ה הרבני המופלג החסיד הירא והשלם מו"ה ר' ניסן שהי' משמש במלאכת הקודש לזבוח זבח ולהאכיל, ולטבוח טבח והכן, זה שמונה שנים פה סמוך לעירינו, ות"ל תהלתו מלאה, שהוא ירא ושלם ולא נמצא פיגול בזבחו ולא נתפל במעשיו וכו'.

עס זענען אויך פארבליבן גאר שיינע מכתבים וואס עס האבן געשריבן צו ר' ניסן ז"ל די קינדער און אייניקלעך פונעם הייליגן דברי חיים זי"ע, ווי: הרה"ק רבי ישעי' מטשחוב זצ"ל הי"ד, הרה"ק רבי משה משינאווא זצ"ל, הרה"ק רבי משה מבארדיוב זצ"ל, און פון נאך צדיקים, וואס אלע שרייבן אויף אים מיט א געוואלדיגע הערצה. (די בריוו זענען געדרוקט אינעם ספר "מראה אש" פון זיין ברודער החסיד רבי שלמה אהרן זצ"ל, וואס איז לעצטענס פריש ערשינען לאור עולם.)

ר' ניסן ז"ל האט קודם געדינט אלס שו"ב אין האדהאז, און שפעטער האט מען אים גערופן אויף אנדערע פלעצער. איינס פון די בריוון וואס זענען פארבליבן איז געשריבן דורך הגה"ק רבי משה מבארדיוב זצ"ל (בן הגה"ק רבי ברוך מגארליץ זי"ע) וואס ער שרייבט צו הגה"ק בעל ערוגת הבושם זצ"ל וועלכער האט דאן געדינט אלס רב אין קליינווארדיין. עס איז דאן געווען א רעדע אז מ'זאל אויפנעמען ר' ניסן ז"ל אלס שו"ב אין קליינווארדיין, און רבי משה'לע בארדיובער זצ"ל איז אים מייעץ אז ער זאל דאס טאקע צואיילן. ער שרייבט אים דארט צווישן אנדערן: רק זאת באתי להודיע לכתה"ר איך שאני מכיר את האיש הזה מנעוריו, והוא ירא השם ובעל נפש ובר אוריין וממשפחה יקרה, מוכתר במעלות ובמדות, ומאד מאד ראוי לספחו למלאכה הזאת לכל בעלי נפש, וכל אנשי מעשה ויראי ה' בטח יהי' להם נחת רוח ממנו בכל ענינים כי הוא איש יקר רוח מאוד.

עווענטועל איז ער אנגעקומען קיין סאטמאר, וואו ער איז אויפגענומען געווארן אלס שוחט, און דארט איז ער נתקרב געווארן צו מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע. דער רבי זי"ע האט נאך דאן נישט געוואוינט אין סאטמאר, אבער מזמן לזמן פלעגט ער קומען קיין סאטמאר, און ר' ניסן ז"ל איז געווען פון די געהויבענע חסידים פון רבי'ן זי"ע.

ער איז אין סאטמאר געווען א שם דבר מיט זיין יראת שמים און חסידות. ער איז געגאנגען אנגעטון מיט'ן פולן חסידישן לבוש, מיט שיך-און-זאקן וכדומה. ווי אמאליגע חסידישע אידן

»»»» פארזעצונג אויף קומענדיגן זייט »»»»

יענעם יאָר, ראש השנה תש"ה וואָס דער רבי זי"ע האָט געפּראַוועט בעמק הבכה אין בערגן בעלזן, האָבן דעם רבי'נס חסידים געפּראַוועט די ימים טובים אין זייער ביהמ"ד "אוהל רחל" צוזאַמען מיט'ן רבי'נס איידעם הגה"צ מסעמיהאַלי זצ"ל. די זקני החסידים דערציילן מיט התרגשות, ווי יענעם יאָר ביי די כל נדרי דרשה האָט דער סעמיהאלער רב זצ"ל אויסגעשריגן מיט שרעקליכע בכיות "מורי ורבותי, **ווער ווייסט וואו מיין הייליגער שווער געפונט זיך איצט?! ווער ווייסט וואָס עס איז זיין מצב?! מיר מוזן דאָס אין די יעצטיגע מינוט אויסבעטן! מיר מוזן איינרייסן אַז וועלטן אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו זען בישועותו!"**

עס איז אין לשער די יללות וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטון אין ביהמ"ד אוהל רחל. דער גאַנצער ציבור האָט זיך געוואָרפן פאַר גרויס געוויין, און די בכיות האָט זיך געהערט ביז ווייט אַוועק. דעם רבי'נס געטרייער חסיד ר' הערש פנחס מאָשקאָוויטש ז"ל פלעגט דערציילן, אַז אין יענעם מאָמענט איז געווען אַזאַ התעוררות, אַז ער האָט זיך געגעבן א צו איבער מיט'ן טלית איבערן פנים, און מיט הייסע טרערן האָט ער געזאָגט צו זיך אַליינס: **"רבונו של עולם, אויב איז דאָס דיין רצון וויל איך זיין א קרבן אַנשטאַט דעם רבי'ן. נעם מיך אַוועק פון די וועלט אַנשטאַט דעם רבי'ן!"**

## פעולות לטובה

אַזוי האָבן רבי'נס חסידים אין ירושלים זיך נישט אויפגעהערט צו זאָרגן און מתפלל זיין פאַר'ן רבי'נס באַפרייאונג. אין סאַמע מיט'ן פונעם אין יענע שווערע צייטן איז זענען עס ווייטער געווען די געטרייע חסידים פון רבי'ן זי"ע אין ירושלים, אין שפּיץ פונעם ענערגישער איש חסיד וכהן שדעתו יפה הרה"ח ר' הערש פנחס הכהן מאָשקאָוויטש ז"ל, וועלכער האָט העפטיג גע'שתדל'ט אַז דער רבי זי"ע ופלמיותו זאָלן באַפרייט ווערן מעמק הבכה און קענען אַרויספאָרן אויף די פרייע וועלט.

ר' הערש פנחס ז"ל איז צו יענע צייט אַריבער צו א גרויסן אַדוואָקאַט אין ארה"ק, ער האָט פאַר אים פאָרגעשטעלט לויט זיין פאַרשטאַנד, דאָס גדלות פון רבי'ן זי"ע, וויפיל טויזנטער אידן עס קלאַמערן זיך אַרום אים איבער די וועלט, און אַצינד געפונט זיך דער רבי זי"ע אין אַזאַ עת צרה, זייענדיג פארשמאכטעט אונטער די דייטשע רשעים ימ"ש. ר' הערש פנחס האָט געבעטן דעם אַדוואָקאַט, אַז ער זאָל פאַר אים פארצושרייבן א בריוו וואָס ער - ר' הערש פנחס - וויל פערזענליך שיקן פאַר'ן ענגלישן קעניג דזשאָרדזש דער פינפטער, מיט א בקשה אַז ער זאָל זען צו שתדל'ן אַז מ'זאָל באַפרייען דעם רבי'ן. זייענדיג א איש נבון וחכם, האָט ר' הערש פנחס אָנגעהויבן דעם בריוו מיט פּאַסיגע ווערטער: ווי קום איך דען, א פשוט'ער מענטש פונעם המון עם, צו שרייבן א בריוו פאַר'ן קעניג פערזענליך? איך פארלאז מיך אָבער אַז היות איך האָב שוין אין מיין באַזיץ א בריוו וואָס דיין פאָטער, דער פריערדיגער ענגלישער קעניג האָט מיר געשריבן, וואָס דאָס איז מיר טייערער פון מיין גאַנצן אַרכיוו, דעריבער נעם איך מיר דעם קוראַזש צו שרייבן דעם בריוו פאַר'ן קעניג.

דער ענגלישער קעניג איז געווען א גלויביגער, און מ'האָט געקענט רעדן צו אים די



**רביה"ק זי"ע אין באגלייטונג פון הרה"ח ר' צבי פנחס מאשקאוויטש ז"ל**

סאָרט גלויביגע שפּראַך. האָט ר' הערש פנחס ז"ל געשריבן פאַר'ן קעניג מיט האַרציגע ווערטער, אַז דער גרויסער סאַטמאַרער רבי, וואָס האָט חסידים און תלמידים אין פינף-זעקס מדינות, געפונט זיך לײדער אין אַזאַ עת צרה. און אין די זעלבע צייט געפונט זיך אויך דיין לאַנד אין א צרה. אַזויפיל ענגלישע סאָלדאַטן זענען געפאַנגן ביי די דייטשן ימ"ש, דעריבער שלאָגט ער אים פאר אַז ער זאָל משתדל זיין פאַר'ן באַפרייאונג פון רבי'ן זי"ע, און אין דעם זכות וועט זיכער אויך זיין לאַנד ניצל ווערן פון די צרה, די קריגס-געפאַנגענע וועלן באַפרייט ווערן.

אין די ערשטע צייטן האָט מען נישט געוואוסט צו דער בריוו האָט בכלל עפּעס אויפגעטון, נאָכדעם ווי עס איז נישט געקומען קיין שום ענטפער פונעם ענגלישן קעניג, אָבער נאָך א שטיק צייט איז אָנגעקומען א טעלעגראַם צו ר' הערש פנחס, גלייך פון די ענגלישע ממשלה, וואָס האָט אין קורצן דערציילט אַז דעם גרענד ראַביי (מרן רביה"ק זי"ע) וועמען ער זוכט, איז שוין באַפרייט, און אינעם טעלעגראַם איז געווען אָנגעגעבן די פונקטליכע אַדרעס וואו דער רבי געפונט זיך אין שווייץ נאָכ'ן באַפרייאונג.

אַזוי איז דאַן אָנגעקומען קיין ירושלים עיה"ק די פרייליכע בשורה אַז דער רבי זי"ע איז ב"ה אָנגעקומען לחוף מבטחים קיין שווייץ, און איז ניצל געוואָרן ממות לחיים. דעם רבי'נס חסידים האָבן באַלד געשיקט פאַר'ן רבי'ן תשמישי קדושה און אַנדערע געברויכן, און באַלד דערויף איז אָפּגעראָכטן געוואָרן דער פייערליכער סעודת הודאה אין רבי'נס ביהמ"ד אין ירושלים עיה"ק, זייענדיג אייגענטליך דער ערשטער סעודת הודאה לרגל הצלת מרן רביה"ק זי"ע, ווי מיר וועלן אי"ה אויספירליך שילדערן אין קומענדיגן נומער.

»»»» פארזעצונג פון פריערדיגע זייט »»»»

האט ער שטארק מקפיד געווען נישט צו גיין מיט קיין בגדי צמר, און ער איז געווען פון די פני הקהלה אינעם חסידישן קלויז אין סאטמאר.

פילע שוחטים פון איבער גאנץ אייראפע האבן געזוכט צו באקומען קבלה אוף שחיטה פון ר' ניסן ז"ל. כ"ק אדמו"ר מביקסאד זצ"ל וועלכער בשנות נעוריו געוואוינט אין סאטמאר, פלעגט דערציילן, אז עס איז געווען א דבר מפורסם אז א שוחט וואס האט קבלה פון ר' ניסן ז"ל קען לייכטער צוקומען צו א שטעלע, צוליב וואס מ'האט זיך פארלאזט אויף זיין ערליכקייט און אומנות.

ער איז געווען א געוואלדיגער מושלם .ער איז געווען א בעל תפלה בקול נעים, וועמענס תפלות עס האבן מעורר געווען הערצער. אויך איז ער געווען א גרויסער מוהל, און האט מכניס געווען לבריתו של אברהם אבינו ע"ה הונדערטער קינדער. א מעשה פלא האט דערציילט א איד וואס האט אים נאך גערענקט פון די אלטער היים, ווי אמאל נאך א ברית פון אן אנדערן מוהל האט זיך אנטוויקעלט פארשידענע פראבלעמען ביים קינד, און ר' ניסן ז"ל מיט זיין צדקות האט דאס אויסגעהיילט ביז עטליכע מינוטן.

בשנת תרצ"א, זייענדיג שוין א זקן העכער די גבורות, איז ער ארויף קיין ארץ ישראל, זיך אויסצולעבן די יארן בקדושה ובטהרה. ער האט זיך באזעצט אין ירושלים עיה"ק, און ווען דעם רבי'נס חסידים האבן מייסד געווען דעם אייגענעם ביהמ"ד אוהל רחל, איז ר' ניסן ז"ל געווען פון די ותיקי זקני המתפללים. אינעם פראטאקאל וואס איז פארבליבן פון די ערשטע אסיפה נאכדעם וואס דער ביהמ"ד אוהל רחל איז אפיציעל נתייסד געווארן ביום י"ט שבט תרצ"ה, איז ר' ניסן ז"ל אויסגערעכנט צווישן די משתתפים ביי די אסיפה (זעה בייגעלייגט קאפיע).

אין די ערשטע חדשים פון דעם ביהמ"ד איז ר' ניסן ז"ל געווען פון די פני הקהלה, אבער נאך עטליכע חדשים איז ער נפטר געווארן ושבק



**פאטאסטאט פון איינס פון די ערשטע פראטאקאלן פון די קהלה אין וועלכן מ'זעט ר' ניסן פריעדמאן ז"ל אויסגערעכנט צווישן די מייסדים פונעם ביהמ"ד**

חיים לכל חי ביום י"ד אלול תרצ"ה אין הויכן עלטער פון 87 יאר.

איינס פון די קינדער פון ר' ניסן ז"ל איז געווען הרב החסיד ר' זלמן לייב פריעדמאן ז"ל, וועלכער איז געווען דער שווער פון הרה"ח ר' יעקב פריעדמאן ז"ל א זון פון הרב החסיד ר' שלמה אהרן פריעדמאן ז"ל בעמח"ס מראה אש הנ"ל. ר' יעקב ז"ל איז דער פאטער פון יבלחט"א די חשוב'ע ברודער הרה"ח ר' שלמה אהרן פריעדמאן הי"ו, הרה"ח ר' שמעון פריעדמאן הי"ו און הרה"ח ר' אברהם פריעדמאן הי"ו.

יהא זכרו ברוך.

# אויפ'ן וועג צוריק, פרייליך?

(פארזעצונג פון זייט א)

פארטרוקענט געווארן, און די מוסדות הק' זענען אלץ ארויסגעקומען מיט'ן פולן פראכט און גלאנץ, שטייגענדיג און בליעהנדיג אויף אן אומגלויבליכן פארנעם.

*

עס איז כ"ו אב תשל"ט. ווידעראמאל וואקעלט זיך דער שיף. דאס הארץ פונעם גרויסן לבן של ישראל האט געגעבן דאס לעצטע קלאפ, און דער רבי זי"ע איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים. יעדער סאטמארער איד, און זאגאר, יעדער ערליכער איד במקום מושבו איז צובראכן און פארצווייפעלט. וואס וועט זיין מיט'ן רבי'נס ירושה? וועט עס האבן אן המשכה?. די פראגע האט ספעציעל געערגבערט: וואס וועט זיין מיט'ן רבי'נס בני ברק'ער מוסדות? וועט עס נאך די אלע שוועריקייטן האבן א ווייטערדיגן המשך?

"צייט" האט געטון דאס איריגע, און היינט מיט 32 יאר שפעטער דערציילט מען עס שוין אין פריידן. "יא" די מוסדות האבן ב"ה געהאט א פארזעצונג. אנ"ש אין בני ברק האבן בכל לב ונפש זיך מדבק געווען צום ממשיך דרכו מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, און לעומתם האבן די בני ברק'ער מוסדות געטראגן א ספעציעלן חשיבות בעיניו הבדלוחים פון רבי'ן זי"ע. אז די מוסדות זענען אמאל געווען אונטערשטעלונג מיט עטליכע חדשים, האט דער רבי זי"ע זיך אויסגעדרוקט "כ'האב נישט געקענט שלאפן די נאכט" און אזוי איז עס געווען יעדעס מאל באזונדער.

נישט ווייניג התרפקאות זענען די בני ברק'ער מוסדות דורך אין די נאכפאלגענדע יארן. אבער ווידער האט דער סייעתא דשמיא, און דער גרויסער כח של אותו זקן באגלייט די הייליגע מוסדות, ביז מען איז ב"ה אנגעקומען צום היינטיגן מאמענט פון גאנצע זעכציג יאר, ווען מען גייט צוריק אויף פאראויס, דערציילט מען טאקע ווייטאגליכע היסטאריע, אבער פארט מיט פרייד, אז נאך אלעם האט מען פארט דערגרייכט ביז אהער ווען די מוסדות וואס ווייניג האבן דערפאר געגעבן א זכות קיום, זענען ב"ה קאים וקיימים לשם ולתפארת.

*

און טאקע דער דערמאנטער פאקט, דאס געטריישאפט וואס אנ"ש בכלל, ובפרט די ראשי ומנהלי קהלתינו ומוסדותיו הק' אין בני ברק האבן ארויסגעצייגט במשך כל השנים פאר'ן מנהיג עדתינו מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, איז ליידער דער היינטיגער סיבה און גורם צוליב וועלכע די מוסדות האבן דערוויל נאכנישט געשלאסן דעם קייט פון ענדלאזע שוועריקייטן מיט וואס די מוסדות ווערן געפלאגט מאז הווסדה.

גאנצע צוועלף יאר איז שוין דורך זינט קהלתינו הק' איז ליידער אריינגעשלעפט געווארן אין די פארוויקעלטע רייבערייען. די פרשה האט אפגעקאסט נישט ווייניג שלאפלאזע נעכט, און אומבאשרייבליכע עגמת נפש פאר יעדן יחיד מאנ"ש, ובפרט די קרובים אל החלל. אבער צוועלף יאר איז פארט א גענוג לאנגער צייט-אפשניט וואס מ'קען אפאטעמען, היילן צוריסענע הערצער, ביסלעכווייז פארגעסן פונעם ווייטאגליכן עבר, דורכ'ן זיך בויען פונדאסניי און באפעסטיגן די אלטע יסודות, ווי עס האט ווירקליך פאסירט אויף יעדן מקום וואו אנ"ש געפונען זיך.

איין פלאץ איבערן גאנצן כדור העולם איז דא, וואו דער ווייטאג האט זיך נאכנישט אפגעשטילט, אלעס אין דירעקטן רעזולטאט פון די אומאויפהערליכע חיצים ובליסטראות וואס ווערן געשאסן אין ריכטונג פון רוב מנין ובנין פון וואס די קהלה און מוסדות באשטייען. געציילטע יחידים מיט ענגע אינטרעסן האבן זיך משתלט געווען אויף טייל נכסים וואס באלאנגט אויסשליסליך פאר'ן גאנצן ציבור, און דערמיט ברענגט מען אז צום זעכציגסטן יאר פונעם התייסדות המוסדות, קען מען נישט בלויז

(פארזעצונג אויף זייט ח)

כמה יגיעות יגע רביה"ק מייסד צו זיין די מוסדות אין ארה"ק העלפט אויספירן רצון קדשו דורכ'ן זיך אנשליסן אין מפעל החזקת מלמד




# דֶער גְרוֹיסֶער כֹּחַ פוּן צְדָקַת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס

אִין אַלֶע דורות אִיז בַּיי אִידְן גֶעוֶוען הֵיילִיג און טַייעֶר דִי צְדָקָה פוּן רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס, און אִידִישֶׁע קִינְדֶער פְּלֶעגְן אַלֶעמָאל אַרַיינְלֵייגְן צְדָקָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע פוּן רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס, און אַזוֹי אִיז טַאקֶע מְקוּבָּל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפוּנְט זִיךְ חָלִילָה אִין אַ סַכָּנָה, זָאל עֶר מְנַדֵב זַיין צְדָקָה לְעִילוּי נִשְׁמַת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס און עֶר וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן בְּעֶזְרַת הַשֵׁם.

פָאלְגֶענְד וֶועלְן מִיר לֵיינֶען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג בַּיי אֵיינֶעם פוּן דִי גָאר גְרוֹיסֶע און גֶעהוֹיבֶּענֶע צַדִיקִים וואָס אִיז אַלֵיינְס גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ וואוּנְדֶערְלִיכְן אוֹפָן אִין זְכוּת פוּן דִי פּוּשְׁקֶע פוּן רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס.

דֶער הֵיילִיגֶער עֲטֶרֶת צְבִי רַבִּי צְבִי הִירְשׁ פוּן זִידִיטְשׁוֹיב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְלֵייגְן אַסַאךְ גֶעלְט אִין דִי פּוּשְׁקֶע פוּן צְדְקַת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס צוּ שְׁטִיצְן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וואָס לֶערְנֶען תּוֹרָה און דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אִידְן וואָס פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים נָאךְ אַ בְּרָכָה פַאר אַ יְשׁוּעָה, אַז דִי גְרֶעסְטֶע סְגוּלָה גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן אִין אַן עֵת צָרָה אִיז אַרַיינְצוּלֵייגְן צְדָקָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע פוּן רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער עֲטֶרֶת צְבִי הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין דִי שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג, אַז עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ, און דִי קְרֶענְק הָאט זִיךְ לֵיידֶער גֶעשְׁטַארְקְט אַז עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיי "גְסִיסָה" רַחְמָנָא לִיצְלָן (דָאס מֵיינְט אַז עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַז עֶר גֵייט חַ"וְ אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט).

דִי תַּלְמִידִים און חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ פַארְזַאמֶעלְט אַרוּם דֶעם בֶּעט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק און זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט תְּהִלִים און מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן און שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה צוּ זֵייעֶר הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּאזָארְגְט און זִיךְ צוּגֶעקוּקְט צוּם שְׁוֶוערְן צוּשְׁטַאנְד אִין וואָס דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען.

דַאן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט אִין דִי פּוּשְׁקֶע פוּן רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס, און נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וואָס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם דֶעם בֶּעט, וואָס הָאבְּן אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט גְרוֹיס צִיטֶער און פָּארְכְט.

הָאט דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: דִי גְמָרָא זָאגְט אַז "רוֹב גוֹסְסִים לְמִיתָה" דָאס מֵיינְט אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן וואָס הַאלְטְן בַּיי "גְסִיסָה" טוּעֶן דֶערְנָאךְ שְׁטַארְבְּן לֹא עָלֵינוּ, און אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט גֶעוֶוענְלִיך נָאךְ רוֹב מֶענְטְשְׁן דֶערִיבֶּער אִיז "גְסִיסָה" אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. אָבֶּער עֶס אִיז דָא אִין דִי גְמָרָא אַ שִׁיטָה פוּן דֶעם תַּנָא רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס וואָס זָאגְט אַז מֶען דַארְף חוֹשֵׁשׁ זַיין אוֹיךְ צוּ אַ "מִיעוּט", דָאס מֵיינְט אַז נִישְׁט אַלֶעמָאל גֵייט מֶען נָאךְ רוֹב מֶענְטְשְׁן וַוייל אַסַאךְ מָאל אִיז רִיכְטִיג אַזוֹי וִוי דִי וֶוייניגֶער מֶענְטְשְׁן. דֶערִיבֶּער אוֹיבּ גֶעט מֶען צְדָקָה לְעִילוּי נִשְׁמַת דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס, קֶען מֶען זִיךְ אָנְכַאפְּן אִין זַיין שִׁיטָה, און מֶען אִיז זוֹכֶה אִין דֶעם זְכוּת צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי רוֹב מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע שְׁטַארְבְּן לֵיידֶער נָאךְ דִי גְסִיסָה, און מֶען וֶוערְט פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע וֶוערְן יָא אוֹיסְגֶעהֵיילְט מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זֶעהְן אַ פַארְבֶּעסֶערוּנְג אִין זַיין מַצָב, און אַזוֹי אִיז עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ צוּרִיקגעקוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת בִּיז עֶר אִיז צוּרִיק גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן בְּעֶזְרַת הַשֵׁם.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט גֶעמַאכְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע קִידוּשׁ ה', וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ וואָס הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן רַחְמָנָא לִצְלָן בַּיי גְסִיסָה, אִיז צוּרִיק גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן בָּרוּךְ הַשֵׁם און גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן.

אָבֶּער נָאךְ מֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רוֹשֶׁם אוֹיף אַלֶע חֲסִידִים דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דֶעם הֵיילִיגְן עֲטֶרֶת צְבִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז דוּרְךְ דִי כֹּחַ פוּן דִי צְדָקָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס קֶען מֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע קְרֶענְק הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ. וואָס דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלָה וואָס יֶעדֶער אִיד קֶען דָאס טוּן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, צוּ גֶעבְּן צְדָקָה לְעִילוּי נִשְׁמַת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס וֶוען עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ חַ"וְ אַ חוֹלֶה אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער סַיי וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעם מֶען פַארְמָאגְט, און בִּזְכוּת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס הֶעלְפְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער און עֶר שִׁיקְט אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה פַאר דֶעם קְרַאנְקְן, און אַ יְשׁוּעָה פַאר וֶוער עֶס בְּרוֹיךְ.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַארְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער מוּנְקַאטְשֶׁער רָב זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה אִין זַיין סֵפֶר דִבְרֵי תּוֹרָה (חֵלֶק א אות ט) וואָס עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט פוּן אֱמֶת'דִיגֶע אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן עֲטֶרֶת צְבִי.

פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעעֶן מִיר דִי חֲשִׁיבוּת און דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן דִי צְדְקַת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס פַאר אִידְן וואָס לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְגוּלָה גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַפִילוּ פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכְן וואָס יֶעדֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען חַ"וְ, דָאךְ קֶען דֶער כֹּחַ פוּן דִי סְגוּלָה פוּן צְדְקַת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס בְּרֶענְגֶען אַ יְשׁוּעָה און רְפוּאָה פַאר יֶעדְן אִיד.

## ~ פְּרַאגְן: ~

1. וֶועלְכֶע זַאךְ אִיז מְקוּבָּל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז אַ אִיד זָאל טוּן אִין אַן עֵת צָרָה? ____________
2. וָואס פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער עֲטֶרֶת צְבִי פוּן זִידִיטְשׁוֹיב זָאגְן פַאר אִידְן וואָס פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים נָאךְ אַ בְּרָכָה פַאר אַ יְשׁוּעָה? ____________
3. וָואס הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער עֲטֶרֶת צְבִי הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין דִי שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג? ____________
4. וָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק גֶעהֵייסְן מֶען זָאל טוּן כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן א רְפוּאָה שְׁלֵימָה? ____________
5. לוֹיט וֶועלְכֶע תַּנָא גֵייט מֶען נִישְׁט אַלֶעמָאל נָאךְ רוֹב? ____________
6. וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אָנְכַאפְּן אִין דִי שִׁיטָה פוּן רַבִּי מֵאִיר, צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַפִילוּ פוּן גְסִיסָה חַ"וְ? ____________
7. אִיז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק טַאקֶע צוּרִיק גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן? ____________
8. וָואס זֶעעֶן מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה, וואָס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריִגְקַייטְן? ____________

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

נָאמֶען ____________

טַאטֶעס נָאמֶען ____________

מְלַמֵד ____________

כִּתָּה ______ תַּלְמוּד תּוֹרָה ____________

טֶעל ____________ עִיר ____________

אַדְרֶעס ____________

- דִי קִינְדֶער וָואס וֶועלְן צוּרִיק שִׁיקְן דִי עֶנְטְפֶערְס וֶועלְן אַרַיין גֵיין אִין אַ גוֹרָל אוֹיף אַ $10 גִיפְט סֶערְטִיפִיקַאט.
- נָאר אוֹיבּ אַלֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע אִיז אוֹיסְגֶעפִילְט קֶען מֶען אַרַיין אִין דֶעם גוֹרָל.
- מִיט דֶעם סֶערְטִיפִיקַאט קֶען מֶען אַייְנְקוֹיפְן אִין דִי פָאלְגֶענְדֶע גֶעשֶׁעפְטְן:

**ווילִיאמסבורג:**
"אוצר ספרים סטאר"
"וואט א בארגען"
"טויס פאר יו"

**קרית יואל:**
"דורן ספרים סטאר"
"קרית יואל ספרים סטאר"
"באזאר"
"מאשקאוויטש"

**דֶער גֶעווִינֶער פוּן חוֹדֶשׁ טֵבֵת אִיז**
**הַיֶלֶד כְּמַר אַבְרָהָם ב"ר נַפְתָּלִי יַעֲקב וֶוערְצְבֶּערְגֶער - קִרְיַת יוֹאֵל**





ברכותינו שלוחה, מעומק הלב פנימה, להני

**פרחי העסקנים**

הב' **משה יודא** ב"ר ישראל ארי' **האללענדער** – קרית יואל
הב' **חיים שמעון** ב"ר שמואל לייבוש **וויינבערגער** – קרית יואל
הב' **יואל** ב"ר יונתן בנימין **בוכינגער** – קרית יואל
הב' **אלימלך** ב"ר בערל **שטיין** – קרית יואל
הב' **נפתלי הערש** ב"ר יצחק שלמה **פאלאטשעק** – קרית יואל
הב' **מרדכי הערש** ב"ר מאיר **בערגער** – קרית יואל
הב' **אהרן יוסף** ב"ר ליפא **פריעדמאן** – וויליאמסבורג
הב' **מאיר** ב"ר יצחק טובי' **פריעדמאן** – וויליאמסבורג

**לרגל הכנסם לעול התורה והמצוות בשעטומ"צ**

זכות צדקת רבי מאיר בעל הנס שעסקתם בזה עד הנה בערבי שבתות וימים טובים, בוודאי יעמוד לכם להתגדל ולהתחנך לתורה ולמעשים טובים לתפארת הוריכם ומוריכם

המברכים
**הנהלת המוסדות**

# לְמַעַן יֵדְעוּ דוֹרוֹתֵיכֶם

הִיסְטָארִישֶׁע און אִינְטֶערְסַאנְטֶע
בִּילְדֶער פון דֶער הִתְיַיסְדוּת פון דִי
הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת יֵטֶב לֵב





רביה״ק זי״ע בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל בַּיים אָנְקוּמֶען מִיט דִי שִׁיף קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּשְׁנַת תשט״ו. דֶער רֶבִּי זי״ע שְׁרַייבְּט אוּנְטֶער דִי שְׁרִיפְטְן וָואס פַארְלַאנְגְט זִיךְ בַּיים גְרֶענִיץ. וֶוערְן גֶעזֶען צְוִוישְׁן אַנְדֶערְן: הגה״צ רַבִּי יְשַׁעְיֵ גְרוֹיס שליט״א האדמו״ר מִקֶערֶעסְטִיר-בֶּערְבֶּעשְׁט (שְׁטֵייט אוּנְטֶערְן רֶבִּי׳ן) הַנָגִיד ר׳ יִשְׂרָאֵל זָופְנִיק ז״ל (זִיצְט רֶעכְטְס צוּם רֶבִּי׳ן) הרה״ח ר׳ יוֹסֵף אַשְׁכְּנַזִי ז״ל דֶער משב״ק (פָּארֶענְט פוּן רֶבִּי׳ן) און נָאךְ

▶



רביה״ק בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל זי״ע אוֹיף דִי שִׁיף, מַמָשׁ בַּיים אָנְקוּמֶען צוּם פָּארְטְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין יָאר תש״ו. פָּארֶענְט פוּן רֶבִּי׳ן זֶעט מֶען דֶעם גֶעטְרַייעֶר גַבַּאי ר׳ יוֹסֵף אַשְׁכְּנַזִי ז״ל, און אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זֵייט פוּן רֶבִּי׳ן שְׁטֵייט דֶער עַסְקָן ר׳ יַעֲקֹב כ״ץ ע״ה, וֶועלְכֶער הָאט גֶע׳שְׁתַּדֶלְ׳ט אַז מֶען זָאל דֶעם רֶבִּי׳ן גְלַייךְ דוּרְכְלָאזְן דֶעם גְרֶענִיץ. דוּרךְ זַיין שְׁתַּדְלָנוּת, אִיז דֶער גוֹי׳שֶׁער בַּאַמְטֶער (וֶועמֶען מְ׳זֶעט נֶעבְן ר׳ יוֹסֵף אַשְׁכְּנַזִי) אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי שִׁיף, נֶעמֶען דִי פּוּנְקְטְלִיכֶע אִינְפָארְמַאצִיֶע וָואס מְ׳נֶעמְט גֶעוֶוענְלִיךְ בַּיים אַרַיינְקוּמֶען אִין אַ צְוֵוייט לַאנְד.

▶



▲ מַאסְן אִידְן שְׁטוּפְּן זִיךְ אִין דִי מֵאָה שְׁעָרִים גַאסְן וֶועלְכֶע אִיז אוֹיסְגֶעצִירְט מִיט לַיילֶעכֶער און פְּלָאקַאטְן, בַּיים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן זי״ע בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל בַּיי אֵיינְס פוּן דִי בַּאזוּכְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִין דִי אוֹיטָא, רֶעכְטְס נֶעבְן רֶבִּי׳ן זִיצְט דֶער גֶעטְרַייעֶר מְנַהֵל הַמוֹסָדוֹת הָרַב הַחָסִיד ר׳ לִיפָּא שְׁוַוארְץ ז״ל, פוּן דֶעם רֶבִּי׳נְס חָשׁוּב׳סְטֶע תַּלְמִידִים.

## נסיעות פון כ״ק מרן רבינו בעל ברך משה זי״ע



▲ רביה״ק בַּעַל בֵּרַךְ מֹשֶׁה זי״ע בַּיים אָנְקוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּשְׁנַת תשכ״ו צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן בְּנוֹ יבלחט״א מָרָן רַבֵּינוּ הגה״ק שליט״א. וֶוערְט גֶעזֶען לִינְקְס פוּן רֶבִּי׳ן שליט״א, דֶער מְחוּתָּן האדמו״ר מִוִויזְנִיץ שליט״א (לרפו״ש). דֶערְנֶעבְּן גֵייט הגה״צ רַבִּי שָׁלוֹם אֱלִיעֶזֶר שליט״א הַאלְטֶענְדִיג אַ פֶּעקְל אִין דִי הַאנְט



▲ רביה״ק בַּעַל בֵּרַךְ מֹשֶׁה זי״ע בַּיים אָנְקוּמֶען צוּם פַייעֶרְלִיכֶער מַעֲמָד קַבָּלַת פָּנִים אִין בְּנֵי בְּרַק בַּיי זַיין לֶעצְטְן בַּאזוּךְ אִין ארה״ק בִּשְׁנַת תשנ״ד. דֶער רֶבִּי זִיצְט אוֹיף אַ בָּאס וָואס אִיז סְפֶּעצִיֶעל צוּגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן, כְּדֵי מְ׳זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטוּפְּן נָאנְט צוּ דִי אוֹיטָא, אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין סַכָּנָה ח״ו. אוֹיף דִי זִיץ אוּנְטֶערְן רֶבִּי׳ן זצ״ל זִיצְן יבלחט״א בָּנָיו מָרָן רַבֵּינוּ הגה״ק שליט״א וְאָחִיו כ״ק הגה״צ רָב דְקָהִלָּתֵינוּ הק׳ 15טע עוו. שליט״א. אוּנְטֶער דֶעם זִיצְט נֶכְדוֹ הגה״צ רַבִּי חַיִּים צְבִי טֵייטֶלְבּוֹים שליט״א אבד״ק עֲצֵי חַיִּים סִיגוּט- ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.




## מארגעדזש קאָסטן באַצאָלט צייטלעך

לכבוד הנהלת מוסדות יטב לב.

דאָס שרייבט צו אייך א אינגערמאַן אין די יונגע יאָרן... איך בין שוין ב"ה א טאַטע פון עטליכע קינדער, אָבער אַלע נאָך גאַנץ קליינע. פאַרגאַנגענעם יאָר, ד. ה. אלול תש"ע, האָט מיין עלסטע טאָכטער תחי' אָנגעהויבן צו גיין אין שולע. ווי עס איז איינגעפירט ביי פאַרשידענע מוסדות, איז דאָ א ספּעציעלע איינמאָליגע "קרן הבנין טשארזש" וואָס ווערט פאַרלאַנגט פון יעדן ראש משפחה וואָס געט אַריין א קינד אין די מוסדות. דאָס דאַרף מען צאָלן נאָר איינמאָל ווען מען שרייבט צום ערשטן מאָל איין א קינד אין די מוסדות.

אויך אין דעם מוסד וואו איך האָב איינגעשריבן מיין קינד, איז דאָ אַזאַ טשארזש, און עס ווערט געגעבן צוויי מעגליכקייטן. אָדער צאָלט מען עס אויס במשך דעם ערשטן יאָר, וואָס דאַן דאַרף מען צאָלן נאָר $1,800 אָדער צאָלט מען עס אויס במשך פון דריי יאָר, וואָס דאַן דאַרף מען צאָלן $3,000.

איך האָב ענדערש אויסגעקליבן צו צאָלן די קלענערע פרייז פון $1,800 מיט די האָפענונג עס אויסצוצאָלן במשך פון איין יאָר. כ'האָב נאָך נישט געהאַט קיין געלט דערפאַר, אָבער כ'האָב געוואוסט אַז לויט'ן מיין מצב הפרנסה וועט "צייט" נישט זיין קיין לעיזונג... און איך וועל פונקט אַזוי קענען שאַפן $1,800 אין איין יאָר ווי $3,000 אין דריי יאָר...

ס'האָט זיך כסדר געשטופּט, און איך האָב דערווייל נישט געקענט באַצאָלן די סומע. עס איז אַריבער כמעט א יאָר, ס'איז געווען פאַר אלול תשע"א, און אָט אָט האָב איך שוין געהאַלטן ביים איינשרייבן מיין קומענדיגן קינד, מיין זון נ"י אין די תלמוד תורה פון די זעלבע מוסדות. כ'האָב פאַרשטאַנען אַז איצט וועט שוין גאָרנישט העלפן, און אויב וויל איך אַז מ'זאָל אָננעמען מיין זון נ"י, וועל איך מיך שוין נישט קענען אַרויסדרייען, איך וועל אָדער מוזן איצט אויסצאָלן די $1,800$ אָדער נעמען אויף מיר צו צאָלן שפּעטער $3,000.

האָב איך דאַן איבערגעגעבן א העד-טשעק פון $1,800 וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אויף דריי חדשים שפּעטער. כ'האָב נישט געהאַט קיין אַנונג ווי אַזוי איך וועל דאָס באַצאָלן. כ'האָב נאָר געהאָפט אויפ'ן בעסטן, און אַזוי איז מיין זון נ"י אָנגענומען געוואָרן.

אַלס מיין פּרנסה אַרבעט אין די ליין פון מארגעדזשעס. מיט עטליכע וואָכן צוריק האָב איך ב"ה באַוויזן צו ערלעדיגן פאַר איינעם פון די קליענטן א גרויסן מארגעדזש. צופיל פּרטים איז נישט אינטערעסאַנט צו שרייבן, אָבער וואָס עס איז וויכטיג פאַר די מעשה, האָט יענער געוואָלט אין א געוויסן טאָג, אַז די באַנק זאָל נאָך יענעם טאָג געבן א קאַמיטמענט, א פאַרפליכטונג אַז זיי וועלן געבן דעם מארגעדזש. בדרך הטבע האָט נישט אויסגעקוקט אַז עס וועט נאָך יענעם טאָג עפּעס ווערן, און כ'האָב מיך אַזוי געוואָרטעלט מיט יענעם, וויפיל ער איז גרייט זיך צו לאָזן קאָסטן פאַר דעם אַז איך זאָל נאָך אַרבעטן העפטיג אַז עס זאָל נאָך יענעם טאָג עפּעס ערלעדיגט ווערן.

דער קליענט האָט עס אויפגענומען זייער ערענסט, און ער פרעגט מיך צוריק פאַר וויפיל איך בין גרייט צו אַרבעטן אַז עס זאָל ווערן ערלעדיגט נאָך בו ביום. כ'האָב עס נישט געמיינט אַזוי ערענסט ווען איך האָב אים צוריקגעשריבן אַז איך האָב דאָ א אישו מיט דעם מוסד וואו מיינע קינדער לערנען. איך דאַרף נאָך אויסצאָלן $1,800 און כ'האָב עס נישט פון וואו צו נעמען. יענער האָט מיר גלייך צוריקגעשריבן, אַז דער געשעפט איז געשלאָסן, און אויב עס יענעם טאָג ערלעדיגט קען מען רעדן דערפון.

איך האָב געוואוסט אַז די שאַנסן דערצו זענען שוואַך, אָבער כ'האָב דאָך שוין אַזויפיל געהאַט געהערט פון די סגולה פון "מוסדות יטב לב". בין איך צוגעגאַנגען צו די פּושקע. כ'האָב אַריינגעלייגט א שיינעם סכום, כ'האָב געזאָגט "אלקא דמאיר עננו" און דאַן זיך ווייטער גענומען אַרבעטן פלייסיג אויף דעם פּראָיעקט.

ניין, די מעשה האָט נישט דעם ענדע וואָס מ'רישט זיך געווענליך צו ליינען. וויפיל כ'האָב פּראָבירט צו אַרבעטן, האָב איך אָבער "נישט" מצליח געווען, און עס איז "נישט" געוואָרן ערלעדיגט יענעם טאָג, אַזוי אַז איך האָב נישט געהאַט וואָס צו ערוואַרטן אַז יענער זאָל מען שענקען די דערמאַנטע סומע.

דעם אַנדערן אינדערפרי, רוף איך אָן די באַנק, און דאַן האָב איך געזען אַז יענעם אינדערפרי איז עס באַשטעטיגט געוואָרן. כ'האָב גלייך גערופן דעם קליענט און אים דערציילט אַז עס איז נאָרוואָס ערלעדיגט געוואָרן. כ'האָב מיך בכלל נישט גערישט עפּעס צו באַקומען פון אים, נאָכדעם ווי עס איז נישט ערלעדיגט געוואָרן אין די צייט וואָס ער האָט געהאַט לכתחלה פאַרלאַנגט.

נאָך א קורצע צייט בין איך איבערראַשט געוואָרן ווען דער קליענט האָט מיר געצייגט א קאָפּיע פון א "טשעק" וואָס ער האָט נאָרוואָס אַרויסגעשיקט צו אונז, מיט די פולע סומע פון $1,800. טראָץ וואָס ער איז בכלל נישט געווען פאַרפליכטעט דאָס מיר צו שיקן, האָט ער אָבער באַשלאָסן דאָס מיר יאָ צו שיקן, וואָס האָט אונז ממש מחי' געווען.

אַזוי האָב איך מיך איבערצייגט, אַז דורכ'ן שטיצן מוסדות יטב לב דערלייגט מען נישט. אונזער פּריוואַטע ישועה איז סייווי אָנגעקומען, טראָץ וואָס עס איז נישט געגאַנגען לויט'ן פּלאַן וואָס איך האָב מיך פאָרגעשטעלט.

ידידכם

**י. ב.**

**מאָנסי יצ"ו**

*

## אינעם ריכטיגן טאָג...

לכבוד הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ק.

לאמיך דיר פאַרציילן דעם השתלשלות הענינים, א בדידי מעשה וואָס איז נישט ממש "בדידי" עס איז אָבער ביי אונז אין די משפּחה, און אייגענטליך איז דער עיקר בעל המעשה מיין טאַטע זאָל געזונט זיין.

איך וויל נישט אַרויסשרייבן קיין נאָמען, אָבער אַזויפיל קען איך שרייבן, אַז מיין טאַטע איז ב"ה באַקאַנט אַלס קלוגער דורכגעטראַכטער מענטש. א איד פון וועמען אַסאַך אידן זענען ב"ה נהנה עצה ותושי' אויף פאַרשידענע אופנים, און איז שטאַרק געשעצט ביי זיינע באַקאַנטע. אַזוי אַרום, דאַכט זיך אַז מ'קען אים נישט חושד זיין אַלס סתם א "גלויביגער"... וואָס איז גרייט צו גלייבן יעדע פרישע מופתים-ערשיינונג אויף די אידישע גאַס.

אָבער מוסדות יטב לב איז דאָך באַקאַנט אַז עס איז באַגלייט מיט די הייליגע אור-אַלטע אָנגענומענע סגולה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס" און אין דעם דאַרף מען נישט גלייבן, אידן זעען בחוש טאָג-טעגלך ווי עס העלפט און ווירקט.

מיין טאַטע שליט"א איז שוין אַלע יאָרן א שטיצער פון מוסדות יטב לב מיט זיינע באשטימטע סכומים. מיט א צייט צוריק האָט ער מיך געזאָגט אַז ער וויל אָנהייבן געבן א גרעסערן סכום, און איך זאָל מיך פאַראינטערעסירן אויף די העכערע פרייזן פון "החזקת מלמד". איך האָב מיך פאַראינטערעסירט, און געהערט אַז אָפּצוקויפן דעם זכות פאַר א חודש איז די פרייז 1,800$ וואָס במשך דעם גאַנצן חודש זענען די קינדער פון איין כתה אין די מוסדות, מזכיר דעם נאָמען פונעם נדבן פאַר סיי וועלכע ישועה, אָדער לע"נ וועמען מ'איז מקדיש דעם זכות.

מיין טאַטע איז איינגעגאַנגען דערויף. ער האָט אָפּגעקויפט דעם זכות החזקת מלמד לחודש, ער האָט אָבער געוואָלט אַז עס זאָל נישט גיין אויף א גאַנצן חודש, פון ראש חודש ביז ראש חודש, נאָר ער זאָל האָבן פיר וואָכן אין א צי אָפּגעזען צו עס איז אין זעלבן חודש צו נישט. דער אָפיס האָט עס באַשטעטיגט, און מיין טאַטע האָט אָפּגעקויפט דעם זכות פון די פאָלגענדע פיר וואָכן: ויחי, שמות, וארא און בא. אויף יעדע וואָך האָט מיין טאַטע געבעטן אַז מ'זאָל מזכיר זיין עפּעס אַנדערש. פּרשת ויחי זאָלן די קינדער מזכיר א געוויסע זאַך. שמות און וארא זאָל מען מזכיר זיין דעם און דעם נאָמען לזווג הגון בקרוב, און פּרשת בא זאָלן די קינדער מזכיר זיין א לעילוי נשמת פון איינעם פון זיינע עלטערן.

אַלעס איז געווען מסודר. פּרשת ויחי האָבן די קינדער מזכיר געווען די ספּעציעפישע בקשה, און עס איז אָנגעקומען פּרשת שמות. די קינדער האָבן אָנגעהויבן מתפלל צו זיין אויף דעם אריינגעגעבענעם נאָמען לזווג הגון. עס איז געווען א' פּרשת שמות אינדערפרי, ווען א שדכן האָט גערופן אנצוטראָגן א שידוך פאַר דעם נאָמען! עס האָט נישט לאַנג גענומען, און נאָך יענע נאַכט, זונטאָג נאַכט פּרשת שמות האָט מען שוין ב"ה געבראָכן טעלער בשטומ"צ.

ניין, דער שדכן האָט נישט גערופן פּרשת ויחי, און אויך נישט מאָנטאָג פּרשת שמות. טאַקע דייקא זונטאָג פּרשת שמות! בלויז א קורצע צייט נאָכדעם וואָס די קינדער האָבן אָנגעהויבן מתפלל צו זיין פאַר דעם נאָמען, שוין האָט זייער ריינע תפלה עושה רושם געווען, און א שידוך איז געשלאָסן געוואָרן אין א גוטע שעה!

ס'איז איצט מאָנטאָג אינדערפרי נאָכ'ן שידוך שליסונג, און אויף די בקשה פון מיין טאַטן האָב איך מיך גלייך פאַרבינדן מיט ר' הלל מנשה מאַרמאָרשטיין הי"ו, וועלכער איז געווען דער פאַרבינדונגס-עסקן וואָס האָט אַלעס מסדר געווען על צד היותר טוב, אים איבערצוגעבן אַז מ'האַלט שוין ב"ה דאָ.

איך בין זיכער אַז אַזוי ווי די תפלה האָט עושה רושם געווען, וועלן די קומענדיגע וואָכן ווייטער אונז זיין א געוואַלדיגע סגולה און זכות, און אום פּרשת בא הבעל"ט וועט עס זיין א געוואַלדיגע טובה פאַר די נשמה פון אונזערע עלטערן ע"ה לע"נ וועמען די וואָך איז געווידמעט.

מיט דאַנק און שעצונג

**י. וו.**

**פה וויליאַמסבורג יצ"ו**

לכבוד די אַרויסגעבער פונעם גליון "בקודש חזיתיך"

די פאָלגענדע מעשה איז שוין ערשינען אינעם "בקודש" אויסגאַבע. אָבער איצט נאָך א יאָר צייט פון ווען עס האָט פּאַסירט, דאַנק איך השי"ת אויף די גרויסע נסים, און איך וויל נאָכאַמאָל כאָטש אין קורצן אַרויסברענגען מיינע געפילן בשער בת רבים. ס'איז געווען פאַרגאַנגענעם יאָר, מיטוואָך אויפדערנאַכט פּרשת בא תשע"א לפ"ק. איך בין דאַן געליגן אין בעט זייער אָפּגעשוואַכט. "פּונקט" דאַן האָבן געקלאַפּט אויף מיין טיר די עסקנים פון מוסדות יטב לב, פאַר וועמען איך האָב אויפ'ן אָרט איבערגעגעבן א שיינע סומע, און כ'האָב מיך אויך אויפגעסיינט אָפּצוקויפן דעם זכות פון א מלמד לחודש. אינדערפרי ארץ ישראל צייט, האָבן די קינדער גלייך דערמאַנט מיין נאָמען ביי זייער תפלה, און "פּונקט" אין יענע צייט, ווען דאָ איז נאָך געווען אינמיטן די נאַכט, האָב איך מיך אויפגעוועקט. איך בין צוזאַמגעפאַלן, און אַריינגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל וואו מ'האָט מיך באַהאַנדלט. דער דאָקטאָר האָט מיר דאַן קלאָר געזאָגט, אַז ווען איך בלייב וועגן שלאָפן נאָך א פּאָר מינוט, וואָלט שוין ר"ל געווען צו שפּעט! די תפלות פון טויזנטער מייל אַוועק האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף, און אַזוי האָב איך געקענט באַצייטענס באַהאַנדלט ווערן, און ב"ה זיך ערהוילט אויפ'ן בעסטן אופן, אַלעס אין זכות פון החזקת מוסדות יטב לב.

ידידכם

**ליפא וואלף פרענקל**
**וויליאַמסבורג**

---

## אויפ'ן וועג צוריק, פרייליך?

(פאַרזעצונג פון זייט ה)

דערציילן די שוועריקייטן פונעם עבר. מ'האלט נאך ליידער פעסט אין סאמען מיט'ן פון די שוועריקייטן פונעם הוה.

"להאיר מתוך חשכה" פונעם תוקף החשכות קומט צום שטערקסטן ארויס דער גרויסער אור וואס שיינט פון די הייליגע מוסדות. אזויפיל שוועריקייטן דורך, אזויפיל פיילן איז און ווערט ווייטער געשאסן, און... יעדער איז דא. די כלי קודש פירן אויס זייער ארבעט בנאמנות יתירה. די מלמדים לערנען מיט די תלמידים, די מגידי שיעור מיט די בחורי חמד, די לערערינס מיט די תלמידות, די מנהלים און ראשי ישיבות באגלייטן די איינגעשטעלטע, די מנהלי המוסדות פראבירן מיט אלע כוחות צו מאנעווירן די וואקלדיגע שיף, און ב"ה אלעס פארט על מי מנוחות. ווער נאך ווי זיי אלע ליידן פערזענליך די ביטערע קאנסקווענצן פון די רדיפות? ווער נאך ווי זיי זענען עס די וואס ווען מיר לייענען די שרייענדיגע פלאקאטן "שוין זעקס חדשים און מער אונטערשטעלונג מיט'ן געהאלט" מיינט עס אז טאקע "זיי" האבן שוין גאנצע זעקס חדשים אדער מער נישט געקריגן קיין דאלאר פון זייער ערליך-פארדינטן געהאלט, און... זיי זענען ווייטער דא. זיי פירן ווייטער אויס זייער תפקיד הקודש בשלימות.

היסטאריע אנטוויקעלט זיך נאך, אבער די ביז איצטיגע היסטאריע איז שוין גענוג א לימוד. גאנצע זעכציג יאר שטייען שוין די הייליגע מוסדות און בליען אויפ'ן שענסטן פארנעם. די שטערקסטע כוואליעס האבן נישט געקענט באוויזן צו פארשוועמען די הייליגע מוסדות, און צום זעכציגסטן יאר איז "דאס" דער לימוד וואס קען און דארף ארויסגענומען ווערן. די היינטיגע ברויזענדע כוואליעס וועלן אי"ה עס ווייטער נישט זיין בכח אוועקצושווענקען!

דאס איז דער לימוד וואס אחינו שבארץ ישראל וועלן געוויס ארויסנעמען פון דעם מעמד, וואס עס פארבלייבט פאר אונז אין חו"ל איז. זעכציג יאר בליען די מוסדות סיי אין בני ברק און סיי אין ירושלים עיה"ק אויפ'ן שענסטן פארנעם, אלעס אדאנק די ווארימע שטיצע וואס אנ"ש אין חו"ל האבן אלץ ארויסגעצייגט פאר די הייליגע מוסדות. "נאר" מיט אונזער ווייטערדיגע שטיצע, וועלן די מוסדות אי"ה ווייטער שטיין, בליען און שטייגן, סיי אונזער שטיצע מהתם און סיי מהכא, סיי פון אנ"ש נגידים בעם פון חו"ל וואס וועלן פערזענליך מיטהאלטן דעם מעמד, און סיי פון אנ"ש וואס וועלן דורך די היזיגע הנהלה מיטשיקן גרעסערע סכומים צום מעמד, וואס דערמיט וועלן מיר אי"ה שיקן דעם בעסטן מעסעדזש פאר אחינו שבבני ברק:

חזקו ואמצו, אל תראו ואל תערצו, ולה' הישועה.

אזויפיל אפענע מופתים! "איר" קענט אויך געניסן דערפון!

געדענקט די הייליגע פושקע צו יעדע צייט אלקא דמאיר ענינו